STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06308

IN GEROYSH FUN VINT

Pintshe Berman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פינטשע בערמאן

✶

אין גערויש פון ווינט

פּינטשע בערמאַן

אין געדויש פֿון ווינט

פֿאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל
1970

פינטשע בערמאַן / אין גערויש פון ווינט
פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

Published by I. L. Peretz, Library
31 Allenby Str., Tel-Aviv, Israel.

IN GEROISH FUN WINT / POEMS
by PINTCE BERMAN

7045 Ranchito Ave., Van Nuys, Calif.
91405 U.S.A.

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1970

סודר במסדרת חנון את חנון / דפוס „הפועל המזרחי" ת"א

מיט פליגל אין טריט,
צום ברעג וואָס איז ווייט,
פון שטראַלן דערפרישט,
פון ווינט אין געבויג —
איך וואַנדער אַזוי,
דורך דורות און צייט,
מיט ליד אין מיין האַרץ,
מיט טרער אין מיין אויג.

אין געררויש פון ווינט

אַ יידישער דיכטער

איך בין ניט קיין היטער, קיין פאַרשער, קיין ריכטער,
איך בין ניט קיין שטראָפער, קיין זוכער פון זינד.
איך בין נאָר אַ דיכטער, אַ יידישער דיכטער,
וואָס טראָגט זיך אַן אָטעם, אויף פליגלען פון ווינט.

מיין וואָרט — פון צעוויינטן גראָז, איז נאָך שטילער,
און קלאָג איך — איז קיינער דערהערט ניט מיין קלאָג.
עס ווערן די בלומן צעצונדענע קילער,
אין בליאסק פון באַגינען, אין טוי פון פאַרטאָג.

און כאַפּט זיך אַריין אַ מאָל גאַל אין מיין לאַגל,
און זינג איך אַ מאָל אַזאַ ליד וואָס עס זידט —
איז דאָס, ווייל איך ווער אַ מאָל מיד אין מיין וואָגל,
איז דאָס, ווייל איך זינג ווי אַ דיכטער אַ ייד.

עס לעבט נאָך אין מיין האַרץ דאָס ערשטע ליד

אין בליי צעשמאָלצענעם עס שווימען מיינע טעג,
ווי אויף אָסיען-בוים דער פויגל — קראַנק און מיד;
שווער איז שוין מיין טראָט, און שמאָל איז שוין מיין וועג,
דאָך לעבט נאָך אין מיין האַרץ דאָס ערשטע ליד.

מיט ציטער הייליקן געוועזן איז דאָס געזאַנג,
ווי תפילה ביי דעם עמוד, ווען צום ערשטן מאָל;
עס לעבט נאָך אין מיין האַרץ, אין כ'הער נאָך יענעם קלאַנג,
ווען ס'צינדן אָן זיך שטערן איבער באַרג און טאָל.

געשפּרודלט האָט דער טרוים אין יעדן איינעם וואָרט:
פון אויגן, וואָס זיי שיינען, ווי די זון פאַר טאָג,
פון הערצער, וואָס זיי זינגען מיט שטראַליקן אַקאָרד,
פון העל-צעבלויטע הימלען, פון שאָטנס — אין פאַריאָג.

פון יעדן פערז און סטראָפע, פון יעדן איינעם אות,
עס האָט געברויזט מיט יוגנט, עס האָט געוויינט מיט צווית;
שווער איז שוין מיין גאַנג, און פול איז שוין מיין כוס,
דאָך לעבט נאָך אין מיין האַרץ דאָס ערשטע ליד.

כ׳האָב געירשנט

כ׳האָב געירשנט פון מיין טאַטן,
כ׳האָב געירשנט פון מיין זיידן,
אַ בטחון, וואָס געהעלט האָט
אין די אויגן פון זייביידן.

און נאָך פון פריערדיקע דורות,
פון די טאַטעס און די זיידעס,
וואָס די ערד איז זייער פּנקס,
און די צייט איז זייער עדות.

קען איך היינט דערפאַר, ווען שאַטנס
מיר פאַרשטעלן אַלע שיינען,
זינגען הילכיק „אני־מאמין״,
שאַלן טראַציק אויך אין פּיינען.

קען צעפליגלט אויך מיין טראָט זיין,
קען צעבלענדט אויך זיין מיין פּנים
אויך אויף מדבר־דיקע שליאַכן,
אויך אין אַנבליק פון די שונאים.

טרוים איך טאַקע מיטן נביא
פון די קומענדיקע פריידן —
ס׳האָט אַזוי געטרוימט מיין טאַטע,
ס׳איז ירושה פון מיין זיידן.

מיין וועלט

גיב מיר דעם ניגון
פון מאַמעס, וואָס וויגן
קליינינקע קינדער ביי נאַכט;
גיב מיר דעם זמר
פון פאַסטעך פון לעמער,
וואָס רוט דאָרט אין שאָטן און וואַכט.

גיב מיר די אויגן
פון קינדער, וואָס זייגן,
געטוליעט צו ווארעמער ברוסט;
גיב מיר די בענקשאַפט
פון הערצער אין ענגשאַפט,
וואָס צינדט אָן צום לעבן די לוסט.

גיב מיר דעם גליטער,
דעם פלאַם און דעם ציטער,
פון יונגע נשמה און הארץ,
וואָס חלומט און פלאַטערט,
אין פייַן אויך זיך מאַטערט,
און לייכט אויף אין חושך און שוואַרץ.

גיב מיר דאָס זשומען
פון בינען אויף בלומען,
געלאָדן מיט גאָלד אויף צוריק;
גיב מיר די שטראַלן,
וואָס שטיפעריש פאַלן
אויף ברעמען, צעשפּרודלט מיט גליק.

גיב מיר די כאָרן
אויף פעלדער פון קאָרן,
וואָס ברענגען אַ רו אין געמיט;
גיב מיר די טרערן,
וואָס ריידן צו שטערן,
און ווערן פאַרוואַנדלט אין ליד.

גיב מיר די טרוימען,
וואָס כוואַליען און שוימען,
ווי ימען, צעברויזט און צעהעלט —
דאָס זענען די פריידן
פון וווּנדער-גן-עדן —
און דאָס איז מיין לעבן, מיין וועלט.

מיינע טירן זענען אָפן

מיינע טירן זענען אָפן,
יעדער וואָגלער איז ווילקאָמען,
די, וואָס בלאָנדזשען אָן אַ האָפן,
און דער יאוש פליסט אין שטראָמען.

קומט, מיין טיש איז אַ געגרייטער,
און עס רופן מיינע שוועלן,
ווי אַ גאָרטן אַ פאַרזייטער,
ווי אין וואַלד דעם פויגלס טרעלן.

כ׳האָב ניט צו פיל, נאָר ס׳וועט סטייען:
האַרץ און שטערן איז דער וווּנדער.
כ׳דאַרף ביי קיינעם דאָס ניט לייען —
קומט צוזאַמען, קומט באַזונדער.

ס׳קען אַ שמייכל היילן וווּנדן,
ס׳קען אַ האַנטדרוק ברעכן צאַמען,
ווי דער קוש פון קליינע קינדער,
ווי דער פליסטער פון אַ מאַמען.

ס׳קען פון פונקען ווערן בראַנדן,
ס׳קען פון טייכלעך ווערן שטראָמען —
מיינע טירן זענען אָפן,
יעדער וואָגלער איז ווילקאָמען.

*

די שענסטע זאַך אין לעבן איז דער אמת —
און אמת טראָגט אַן אַלט צעריסן קלייד.
דאָך ווינקט אַרויס פון רים צו דיר אַ רמז,
וואָס פֿרעכטיקט מיט אַן אויסטערלישער פֿרייד.

די העלסטע זאַך אין לעבן זענען פֿונקען,
וואָס צינדן אָן זיך פון אַ ווארעם וואָרט.
מעג זעל אין טיפֿן חושך זיין פֿאַרזונקען,
צעהעלט עס זיך מיט זונשיין אויפֿן אָרט.

די זיסטע זאַך אין לעבן איז דער שמייכל
פֿון קינדער, מיט די אייגעלעך צעשטראַלט —
עס שמייכלט גאָט אַליין דאָרט אין זיין היכל,
די לופֿט אַרום, אויף באַרג, און פֿעלד, און וואַלד.

די הייסטע זאַך אין לעבן זענען טרערן
פֿון מאַמע איבער פֿוסטער וויג פון קינד —
זיי זידן און זיי פֿינקלען, ווי די שטערן,
און קענען זיך ניט לעשן פֿון קיין ווינט.

די שטילסטע זאַך אין לעבן איז דער ניגון,
דאָס ליד ביי נאַכט, פֿון האַרץ, וואָס אין געוויין,
ווען אַלע שווין אין בעטן און אין וויגן,
און קיינער הערט אים ניט, נאָר דו אַליין.

בענקשאַפט

בענקשאַפט איז גרוי,
און וויינט אין דער שטיל,
ווי נאַכטיקער טוי,
ווי ווינטלאָזע מיל.

בענקשאַפט איז לייד,
וואָס האָט ניט קיין ענד,
אַ גאָלדענע קייט
און געקאָוועטע הענט.

בענקשאַפט איז יונג,
און אַלט אין איר וויי,
אַ פאַרלאָשענער פונק —
און עס ברענט דיך אַזוי.

בענקשאַפט איז בונד
מיט שווערן געמיט —
אַ צערויעטע ווונד,
אַן אָפּגעהאַקט ליד.

בענקשאַפט איז שווער,
און פרעסט ווי אַ שטיין,
ווי נאַכטיקע טרער,
ווי שטומער געוויין.

בענקשאַפט איז: בענק!
און חלום! און זוך!
און טראַכט! און געדענק! —
אַ צוגעמאַכט בוך.

בענקשאַפט איז טראַט
אין „לאַנד פון ניט־זיין",
נאָר זים איז זי, גאָט,
מיט איר וויי, מיט איר פיין...

פאַראַנען אויגן

פאַראַנען אויגן — אײביק רויטע,
ווי די זון, ווען זי פאַרגייט;
פעלד און גאָרטן, ניט פאַרזייטע —
זיי דערמאָנען דיך אין טויט.

פאַראַנען אויגן — שמאָלע שפּאַלטן,
ווי אַ פענצטער, האַלב פאַרמאַכט;
עס אָטעמט בייז פון זיי מיט קאַלטן
האַס — און אימהדיקער נאַכט.

פאַראַנען אויגן — שטילער אומעט,
ווי אַ בעכער אָן אַ דנאָ;
עס פלאַטערט אום אַ בין און זשומעט,
און קיין נעקטאַר איז ניטאָ.

פאַראַנען אויגן — העלע טרוימען,
טראָגן הימלען אויף אַ פּאָן,
זייען בלומען אין די רוימען,
און די ערד זיי גייט ניט אָן.

פאַראַן אויך אויגן — זונען־בליקן,
שפּרייטן וואַרעמקייט און פרייד;
עס קריגט די וועלט אין זיי אַ תיקון,
און זיי שמעלצן שלאָס און קייט.

ליבשאַפט

אָ, גיב אונדז די ליבשאַפט אַן גרענעץ, אָן צוים —
פאַר מענטש און פאַר חיה, פאַר נעסט און פאַר בוים.

אַ ליבשאַפט צעפליגלט, וואָס וואָרעמט און שטראַלט,
און שטיל, און פאַרבאָרגן, ווי דאָס טייכל אין וואַלד,

וואָס פליסט אַזוי לויטער, און פליסט אַזוי ריין,
און עס גיט, און עס גיט, ביז דאָס לעבן אַליין...

צי דאָס איז אַ חלום, צי דאָס איז אַ זאַך,
וואָס איינער אַן עלנטער האָט עס פאַרטראַכט,

צו מאַכן זיך לייכט דאָס געמיט און דעם טראָט.
אָ, גיב אונדז די ליבשאַפט — אָ גיב זי אונדז, גאָט!

*

צוויי שליאַכן — איז איינער פאַרצוימט און פאַרשטעלט,
דער צווייטער איז אָפן און קלאָר.
און ביידע זיי פירן צום זעלבן געצעלט,
וואָס טויכט זיך אין בלויען קאַיאָר.

צוויי שיפן — גליטשט איינע זיך לייכט, ווי אַ טרער,
עס קושט זי דער כוואַליקער וועג.
די צווייטע, זי שלעפּט זיך פּאַמעלעך און שווער,
און ביידע — צום זעלביקן ברעג.

צוויי בענקשאַפטן — איינע, וואָס פלאַטערט אין טרוים,
אַ צווייטע, וואָס באָדט זיך אין פּיין.
און ביידע זיי סמען, ווי שוים
פון אַלטן פאַרהייוונטן וויין...

די שפּינערס

עס זיצן די שפּינערס, זיי שפּינען און וועבן
דעם פּנקס פון צייטן, די פעדעם פון לעבן.

זיי זיצן און שפּינען אָן אָפּרו, אָן אויפהער —
מעג פאַלן דער הימל, מעג שאַלן דער שופר.

אַ מאָל דאָס געוועב איז מיט שטערן און זונען,
מיט פעדעם פון גאָלד, און מיט שטראַלן געשפּונען;

אַ מאָל דאָס געוועב איז מיט תהום און מיט נידער,
מיט שטומע געוויינען, מיט פינצטערע לידער.

זיי זיצן דאָרט אייביק, און וועבן, און שפּינען
דעם אומרו פון אָוונט, די פרייד פון באַגינען.

ביז וואַנען זיי ווערן שוין מיד און צעבראָכן,
און עס הערן אויף בלוטן צו זידן און קאָכן;

ביז וואַנען עס ווערן די קעפּ איינגעבויגן,
און עס הייבן אָן פאַלן ווואַלן אויף אויגן.

זיי זיצן און שפּינען, און שפּינען, און וועבן
דעם פּנקס פון צייטן, די פעדעם פון לעבן.

לעבן

איך ווייס ניט וואָס דו ביסט,
און וואָס — דיין צוועק און מיין.
אַ מאָל מיין טאָג פאַרזיסט,
אַ מאָל דו ברענגסט געוויין.

שטענדיק מיך אינטריגט
דער אייביק טיפער סוד:
ווער האָט דיך געשיקט,
און אויך אין ווערמענס גנאָד?

ביסט שטענדיק דאָ מיט מיר,
אין אומעט און אין פרייד.
דו ביסט מיין פונק און שיר,
ביסט אויך מיין צעל און קייט...

בערג

זיי היטן און שאָטענען טאָלן,
ווי וואַנדערער קילן די טריט.
זיי טראָגן צום הימל די תפילות
פון עלנט און שווערן געמיט.

זיי ריידן אין הויך אַזאַ לשון,
וואָס שווער צו באַנעמען, פאַרשטיין:
אַ מאָל הערסט אַ פריידיק געלעכטער,
אַ מאָל הערסט אַ שטילן געוויין.

אַ מאָל דעקט דער הימל די שפּיצן
מיט זיידגעוועב, לויטער און קלאָר.
אַ מאָל קומט אַ כאַפּטע פון שטערן
און שטיפט דאָרט, און זינגט אין אַ כאָר.

און טרעפט, אַז עס קומט אָן אַ שטורעם
מיט וויכער, מיט דונער און בליץ —
דאַן קרעכצן די בערג, ווי אין ווייטיק,
ווי קראַנקע, וואָס וואָיען פון היץ.

דער דיכטער

מיט פּנים צום וואַנט און מיט האָרץ צו די געטער,
מיט גוף איינגעבויגן פון זאָרג אַזוי שווער,
ער צייכנט דעם פּנקס פון „פריער און שפּעטער",
מיט פעדער און הייסער און לויטערער טרער.

ער הערט, וואָס עס הערט ניט זיין נאָענטער שכן,
ער זעט, וואָס עס זעט ניט זיין חבר און פריינד,
און תפילהט פאַר זייער געזונט און בטחון,
און בעט פאַר פאַרגעבונג אַ מאָל אויך פאַר פיינט.

די נאַכט איז זיין הייל, און ער זיצט דאָרט פאַרבאָרגן,
און שיינקייט און וואונדער ער מאָלט פון גאָטס וועלט;
זיין גאָט איז דער הימל, די זון, דער פרימאָרגן,
ער זינגט צו די ווינטן צעברויזט און צעהעלט...

אין גאָל און אין נעקטאַר געטונקט איז זיין פּינדזל;
עס שטראַלט פון די בילדער אַ דאָרן, אַ בלום.
זיין היים איז די וויסטע, דער מדבר, דער אינדזל,
זיין היים איז דער שמייכל פון קינדער אַרום.

ער טראָגט זיך אַן אַטעם אויף פליגלען פון וויכער,
און הייבט זיך אין הויכן צו אָדלערשער נעסט.
ער זוכט צו דערגרייכן, וואָס שנעלער, וואָס גיכער
די רו — נאָך דעם לאַנגן און שווערן פאַרמעסט.

געזאַנג פון די שטערן

אַן אָדע צו גאָט

זינקט אין אַ שלאָף, אין אַ טיפֿן, די נויט,
ווייעט פֿון בייטן מיט שפּע פֿון ברויט;
צעברויזט זיך דער גאָרטן מיט גרינס און מיט צווייט —
ווערט פֿון אַ טרער אַ געזאַנג און אַ ליד.

פֿלאַטערן בינען, געלאָדן מיט גאָלד,
צעוואָרקען זיך טויבן, און האָבן זיך האָלט;
קושן זיך טויען מיט זאַנגען אין פֿעלד —
שפּרייט זיך אַ ליכט איבער גאַס און געצעלט.

זשאַווערט די פּענטע, דער שלאָס און די קייט,
ווערן די רוימען מיט פֿליגלען פֿאַרזייט;
צעקלינגט זיך מיט פֿרידן און פֿריידן די שטאָט —
זינגען די שטערן אַן אָדע צו גאָט.

לאָמיר ברידער זינגען

לאָמיר, ברידער, זינגען דעם אייביק זיסן ניגון
פון פייגל אין די נעסטן, פון קינדער אין די וויגן,
דאָס ליד פון גאָטס גנאָדן, בטחון און פון גלויבן,
וואָס צינדט אָן האַרץ און בלוטן, און טוט די זעל דערהייבן.

לאָמיר, ברידער, זינגען די פריידיקע געזאַנגען
פון בוים און סאָד און גאָרטן, פון פעלדער פול מיט זאַנגען,
פון הערצער פול מיט ליבשאַפט, פון זונשיין אין פאַרטאָגן —
פון אַט דעם גרויסן וווּנדער, וואָס אַלע מיר פאַרמאָגן.

ס'איז יעדער מאַן אַ מלך, ס'איז יעדע פרוי אַ מלכה,
און שיין איז אונדזער וועלט — אַן אויסגעפוצטע ליאַלקע,
און אויב דאָס איז אַ חלום — זאָל ער לאַנג זיך וועבן,
און לאָמיר ווייטער זינגען דעם זמר פון דעם לעבן.

כ׳האָב ליב אין פאַרנאַכטן

כ׳האָב ליב, אין פאַרנאַכטן, צו שטיין ביי דעם ים־ברעג,
און וואַנדערן צו די כוואַליעס מיין בליק,
און זען, ווי זיי קומען דאָרט „איינגעמען וועלטן״,
און לויפן פאַרשעמטע צוריק.

כ׳האָב ליב, אין פאַרטאָגן, אין וואַלד צו שפּאַצירן,
אין שאָטן פון טייכל און בוים.
דאָרט לייטערט דאָס הארץ זיך פון נאַכטיקע טרערן,
די טריט אויך — פון שטויב און פון ליים.

כ׳האָב ליב, מיט דער זון, צו דעם באַרג זיך פאַרנעמען,
און גרייכן, דורך וואָלקנס, זיין הויך.
דאָרט חלומען פאַלקאָנס אויף פליגלען צעשפּרייטע,
דאָרט חלומט דער באַרג אַליין אויך.

און גרייך איך אַ מאָל די מאַיעסטעטישע שפּיצן,
און טונקל און ווייט ווערט די שטאָט —
מיין קאָפּ איז אין הימל, מיין הארץ איז אין פלאַטער,
מיין זעל איז דאַן נאָענט צו גאָט...

כ׳טראָג דעם יום־טוב

כ׳טראָג דעם יום־טוב, ווי אַ פּאַקל, אין מיין גאַנג,
כ׳הער פון גרונטן און פון שטיינער אויך געזאַנג.
ווער עס בייזערט זיך אויף שאָטנס און ער שעלט,
איך — אין מיטן פון דערוואַכן בין צעהעלט.
כ׳שלאָג ניט קיין מאָל זיך אין הארצן קיין על חטא,
ס׳איז מיין תפילה פאַר פאַרגעבונג קיין געבעט —
ס׳איז אַן אָדע נאָר צום אָדלער, אין זיין פלי,
ס׳איז אַ פלאַם פון זון, אין בלוטן, מיט איר גלי.
מיינע הימלען זענען אָפן, ברייט־צעפּראַלט —
אין זיין גאַנצער פּראַכט דאָרט זע איך גאָטס געשטאַלט.

חשבון

ווער עס פירט אָן אַ טאָגבוך פון אומעט,
ווער עס פלעכט אוים קאַרעלן פון צער —
און איך הער זיך איין, ווי עס זשומעט
אַ צעפלאַטערטע בין אין ווירוואַר.

ווער עס האַלט אָן אַ חשבון פון טרערן,
ווער עס רעכנט אוים סכום פון געוויין —
און איך צייל צעצונדענע שטערן,
אין אָוונט, ווען איך בין אליין.

ווער עס מאַכט אַ סך הכל פון ווייען,
און מיט בליי ציט ער אונטער זיין פיין —
און איך קוק זיך איין, ווי עס זייען
מענטשן די פעלדער אין שיין.

אין אַ ווייסער נאַכט

עס טראָגט זיך דער ווינט איבער צייטיקע זאַנגען
מיט לוסט און מיט פרייד, ווי אַ קינד —
קומט, לאָמיר זינגען די גאָלדן־געזאַנגען,
דאָס ליד פונעם וואַרעמען ווינט.

עס זינגט די לבנה אַ לויב צו דעם בורא,
און פלאַטערט און פליטערט אַרום —
קומט זיך באַהעפטן מיט דער וואונדער־מנורה,
וואָס ווינקט דאָרט און רופט צו אונדז: קום!

עס יומטובט דער קאָסמאָס, עס הוליען די שטערן,
די נאַכט מיט אַ ווייסקייט עס זידט —
קומט, לאָמיר אָפּווישן יעדער די טרערן,
און אָנצינדן העל דאָס געמיט.

זון אין די אויגן

אין בלויען באַגינען

אין בלויען באַגינען, אין גאָלדן פרימאָרגן,
ווען ס׳ברויזט אויף דאָס גאַנצע באַשאַף,
און נאַכטיקע טרערן זיי ווערן פאַרבאָרגן —
איך וואַנדער און ווונדער, און גאַף.

איך וואַנדער און ווונדער, מיט זון אין די אויגן,
דער הימל שוין פלאַקערט און גליט,
די ערד איז מיט סאַמעט מיט גרינעם פאַרצויגן,
און עס רייסט זיך פון האַרצן אַ ליד.

די שעהען זיי לויפן, די צייט איז אין פלאַטער,
און איך וואַנדער און ווונדער, און זינג;
עס שטראָמט דאָס געזאַנג, ווי די לאַווע פון קראַטער,
עס וויכערט, עס ברויזט, און עס קלינגט.

און אַזוי אין באַגינען, אין גאָלדן פרימאָרגן,
גייט אויף אין די בלוטן מיין ליד.
איך וואַנדער און זינג, ווי דער פויגל אָן זאָרגן,
און גאָט אַליין זינגט מיט מיר מיט.

אין אײביקן װוּנדער

כ׳װער אַלץ נאָך באַרױשט פֿון געזאַנג,
און עס העלט אין מיר פֿרײד פֿון אַ קינד,
כאָטש ניט זיכער איז געװאָרן מײַן גאַנג,
און מײַנע קני זיך בײגן אין װינט.

הער איך פֿײגל, װי זײ צװיטשערן אין הױך,
זע איך װינטן, װי זײ שטיפֿן מיטן בױם —
צעצװיטשערט זיך דאָס האַרץ אין מיר דאָן אױך,
און מיטן װינט אין רױם מאַך איך מײַן הײם.

זע איך קינדער, מיט אײגעלעך צעגלאַנצט,
פֿאַרהאַװעטע אין קינדערשן געדרײ —
הײבן זיך די פֿיס בײַ מיר אין טאַנץ,
װער איך דאָן אַ קינד צוגלײַך מיט זײ.

ס׳איז מער ניט מײַן אױגנשײַן אין בלױ,
ס׳איז מער ניט דאָס בלוט אין מיר צעהעלט,
דאָך שטײ איך פֿאַרבליפֿט אין דער פֿרײ,
אין צױבער און אין װוּנדער פֿאַר דער װעלט.

אין גוטע שעהען

פייגל זינגען מיינע לידער,
טויבן וואָרקען מיינע ווערטער,
מיינע ברעמען קושט דער ווינט —
יעדער יאוש אין דער נידער,
יעדער זיפץ און בליק פאַרטרערטער,
פליט מיט וואָלקנס און פאַרשווינדט.

זונען לייכטן אין מיין זעלע,
שטערן פינקלען אין מיין האַרצן,
שטראַלן פאַרבן מיין געזיכט —
ברויזט אין מיר אַ פרייד אַ העלע,
צינדט זי אָן דעם טאָג דעם שוואַרצן,
און פאַרוואַנדלט אים אין ליכט.

אַלע זונען שמייכלען

אַלע זונען שמייכלען, אַלע שטערן זינגען,
אַלע רעגנס פרישן פעלד, און סאַד, און וועג;
אַלע טויען קילן, אַלע שטראַלן שטיפן,
אַלע ימען קושן, אין געאייל, דעם ברעג.

אַלע הערצער טרוימען, אַלע בלומען זידן,
אַלע אויגן ברענען — בליקן טיף און שאַרף;
אַלע ביימער תפילהן, אַלע זאַנגען ווייען,
אַלע ווינטן שפּילן אויף אַ צויבער־האַרף.

אַלע פיינען שטאַרקן, אַלע טרערן היילן,
אַלע לידער גליען, ווי ביי נאַכט אַ פונק —
זינג זשע, הארץ, אַז אַלע צו די הייסע בלומען,
צו דעם פלאַם, וואָס זשאַרעט אויף מיין ליפּ און צונג.

איך וויל

איך וויל, אַז דאָס לעבן זאָל זיין ווי אַ ליד,
וואָס ברויזט, און וואָס רייסט זיך פון הארצן מיט פרייד:
עס קריגן דאַן פליגל אי ברעמען, אי טריט,
און פלאַטערסט מיט אָדלערס אין רוימען צעשפּרייט —
איך וויל, אַז דאָס לעבן זאָל זיין ווי אַ ליד.

איך וויל, אַז דאָס לעבן זאָל זיין ווי אַ בלום,
וואָס עפנט די אויגן, אין וווּנדער, פאַר טאָג,
און עס עכאָט דער פלאַטער פון בינען אַרום,
און נאַכטיקע שאָטנס אין שנעלן פאַריאָג —
איך וויל, אַז דאָס לעבן זאָל זיין ווי אַ בלום.

איך וויל, אַז דאָס לעבן זאָל זיין ווי אַ טאַנץ,
אין ליכט פון די שטערן, אין שטאָטישן סקווער,
מיט הערצער צעפלאַמט, און מיט אויגן צעגלאַנצט,
און פריי, ווי דער וויכער, אָן צוים און אָן שטער —
איך וויל, אַז דאָס לעבן זאָל זיין ווי אַ טאַנץ.

איך וויל, אַז דאָס לעבן זאָל זיין אַ געזאַנג,
וואָס טריקנט אויס טרערן, און וואָרצלט אויס פּיין,
און עס כאַפּן אויף ווינטן און שפּרייטן דעם קלאַנג,
און די ערד טרינקט אַקאָרדן, ווי געלייטערטן ווייַן —
איך וויל, אַז דאָס לעבן זאָל זיין אַ געזאַנג.

אין מיין בוך ליגט אַ בלום

אין מיין בוך ליגט אַ בלום אַ געפּרעסטע באַהאַלטן,
מיט לאַנג שוין פאַרלאָרענעם דופט.
די בלעטער — ווי שטויב פון אַ מויער אַן אַלטן —
פּאַלאַצן געבויט אין דער לופט.

איך דערמאַן זיך: צוויי ליכטער — צוויי שטראַליקע אויגן,
און ליפּן, ווי קאַרשן צוויי, רויט;
איך דערמאַן זיך אין נעכט, מיט גינגאָלד פאַרצויגן,
אין טרוימען — פאַרלאָשן און טויט.

ווי שווער ס׳איז צו זען, ווי עס פאַלן די געטער —
די דעמבעס פון אונטער דער האַק.
איך קוק אויף דער בלום, און די שטויביקע בלעטער,
און אַ טרער בריט אַ הייסע מיין באַק.

אין צ׳יטער פון סטרונעס

עפּעס געדענקט זיך

ליפּן און אויגן, און העל־בלויער הימל,
שאָטנס צעשטיפּטע אויף זיידענע גראָזן —
עפּעס געדענקט זיך, אַזוי ווי אין דרימל,
עפּעס דערמאָנט זיך, פון לאַנג שוין פאַרלאָזן.

ביימער, און פייגל, און טייכל, און שטערן,
אָטעם צעגליטער, און פיינלעכע סודות.
מישט זיך אַ פרייִדיק געלעכטער מיט טרערן,
פלאַקערן בלוטן — און גאָט איז אַן עדות.

קומען אַן אַלטע חלומות צו פליען,
גייען אויף לידער, פון לאַנג שוין פאַרגעסן,
הייבן אָן פונקען פאַרלאָשענע טליען,
פאַלט אָן אַן אומעט און טוט אַזוי פרעסן.

די ווערבעס

אין שאָטן פון ווערבעס מיר האָבן זיך ביידע,
מיט יוגנט צעפלאַמטער באַגעגנט.
איצט זענען מיר ביידע שוין באָבע און זיידע,
מיט יוגנט שוין לאַנג זיך געזעגנט.

אונדז גייט נאָך דער שאָטן פון ווערבעס אויך איצטער,
און היט אונדזער וועג אין דעם לעבן.
עס ווערט אָבער מער ניט דער טאָג אַ צעבליצטער,
ווי אַ מאָל, אין די ווערבעס־געוועבן.

עס גייט מיט דער שאָטן מיט אונדז אויף די וועגן,
צוזאַמען אין דרייען מיר שפּאַנען.
דער שאָטן געבליבן, ער קומט אונדז אַנטקעגן,
די ווערבעס, די ווערבעס ווו זענען?

ווידער

ווען ס'וואָרקען די טויבן אין שטילן קאַיאָר,
און ליבשאַפט צעבליט זיך אין לופט —
הער איך דיין קול אַזוי ריין, אַזוי קלאָר,
און עס טרעפט צו מיין האַרצן, און רופט.

ווען עס ווינקט צו מיר פריידיק אַ שטערן אין הויך,
און זינגט מיר זיין הימלישן שיר —
זע איך דיין בליק אַזוי צאַרט אַזוי ווייך,
און ער וואַרעמט דאָס בלוט אוים אין מיר.

ווען עס דרימלט דער ווינט, און עס חלומט דער בוים,
און עס כשופט אַ ליד אין דעם רוים —
צעברויזט זיך מיט ליכט, און ס'צעהעלט זיך מיין היים,
און ווידער ביסט דאָרט אין מיין טרוים.

דאָס ליד אין מיין האַרץ

דאָס ליד אין מיין האַרץ, ווי די בלום אין איר קנאָספּ,
אין דויער פון נאַכט וואַרט שטיל אויף דער פריי.
פרעסט נאַכט אויפן ליד, ווי די קנאָספּ אויף דער בלום,
און לאַנג איז די נאַכט, און ווייט — טאָג־באַניי.

דאָס ליד אין מיין האַרץ, ווי דער פויגל אין נעסט,
וואָס חלומט אין וואַלד פון שטראַלן און רוים.
ווײנט אַ ניגון אין ליד, בענקט פליגל נאָך ווינט,
און שאָטן ליגט שווער אויף פעלד און אויף בוים.

דאָס ליד אין מיין האַרץ, ווי דאָס קינד אין זיין וויג,
וואָס יאָמערט דורך נאַכט אין עלנט געצעלט.
קומט זונשיין צו גיין, ווי מאַמע צום קינד,
גייט אויף אין געזאַנג מיין ליד דאַן צעהעלט.

נאַכטיקע טרערן

די זון, אַ פאַרשעמטע, טרעט אָפּ פאַר דער נאַכט —
צי מיינט ווער: די נאַכט איז דער עיקר?
אַ מאָל גאַר, דאָס וואָרט, פאַרשעמט און פאַרלאַכט,
ווערט דערהויבן אין געזאַנג פונעם שיכור.

די קנאָספּע איז האַרט, מיט שטעכלקעס פיל,
ווי דער וועג צום קוואַל אויסגעבענקטן,
און ס׳פּראַלט אויף מיט זונשיין אַ בלום אין דער שטיל,
און ברענגט דיר אַ פרייד אַ געשענקטע.

דער שליאַך איז צעשטיינערט, מיט ווי יעדער טראָט,
אויפן ראַנד הענגען נאַכטיקע טרערן,
און ס׳טראָגט זיך דער ווינט מיט אַ תפילה צו גאָט,
און עס ווינקט דיר פון ווייטנס אַ שטערן.

גאָטס וועגן

עס ווערן געקושט פון אַ פריידיקער זון,
אויך בלעטער, וואָס פאַלן אַראָפּ.
די וואַנדערער מידע, זיי ווייסן דערפון,
און שפּאַרן אויף זיי אָן דעם קאָפּ.

און לעשט זיך אויף לאַנקע צעטליעטער פונק,
נאָך לאַנג בליט אַ וואַרעמקייט זים,
און נאַכטיקער פאַסטעך, דער איינזאַמער יונג,
דאָרט וואַרעמט פאַרפראָרענע פים.

און ווישן אַפּ כוואַליעס די בענקשאַפט אין טריט,
ביים ים־ברעג, פאַרוואָלקנט און גרוי —
שפּילן זיך קינדער, און זינגען אַ ליד,
און מאַכן פון זאַמד אַ געבוי.

אַ מאָל אַזוי ווייט

אַ מאָל אַזוי ווייט
איז דער הימל אין הויכן —
עס קען ניט קיין פליגל
אים דאָרטן דערגרייכן.

דאָך פרעסט ער, ווי בליי,
אַזוי שווער מיך אַרונטער,
און ס׳צעברענט זיך אַ טרער
אויף די וויעס, ווי צונטער.

אַ מאָל ליגט דער הימל
כמעט אויפן קאָפּ מיר,
דאָך פרעסט ער מיין האַרץ
און געמיט ניט אַראָפּ מיר.

מיין אויג איז צעברויזט
מיט אַ שטראַל אַ צעהעלטן,
און כ׳פלאַטער און שוועב
אין פאַרכישופטע וועלטן.

טאָפּאָליעס

ווען איך קוק אויף די שטאָלצע טאָפּאָליעס,
מיט שפּיצן פאַרריסן אין ים־בלויע הויכן,
און כ'זע, ווי זיי לאַכן פון ווינטן, וואָס סאָפּען,
ווי רייטערס אויף פלאַמיקע פערד —
ווילט זיך מיר אויכעט דאַן זיין אַ טאָפּאָליע,
מיט הענט, ווי לאַנגע עלאַסטישע צווייגן,
און הייבן זיך העכער און העכער אין הימל,
און אוועק פון דער ערד.

ווען איך קוק אויף די ימיקע כוואַליעס,
ווי זיי לויפן צום ברעג מיט צעוויכערטן אימפּעט,
און וועקן אַ וועלט מיט געצונדענעם פיבער,
און מיט אָטעם פון ליבּ —
ווילט זיך מיר אויך זיין אַ ימיקע כוואַליע,
מיט אויגן פון פייער, און אָרעם פון שטורעם,
און רייניקן, קערן און אָפּווישן וועלטן
פון זאַמד און פון שטויב.

געזאַנג פון בטחון

ווי אַ פּאַקל

איך טראָג, ווי אַ פּאַקל, אויף שליאַכן און וועגן,
דעם גרויסן, דעם רייכן, דעם װוּנדער־פאַרמעגן,
וואָס גאָט, אין זיין גנאָד, האָט אונדז יעדן געגעבן:
די פּראַכט פון דער וועלט און דעם צויבער פון לעבן.

איך טראָג, ווי אַ פּאַקל, די שעהען פון גלויבן,
וואָס שטאַרקן געמיטער און נשמות דערהייבן,
וואָס וואַרעמען הערצער און וועקן אויף גלוטן,
און צינדן אָן פייערס אין פאַרלאָשענע בלוטן.

איך טראָג, ווי אַ פּאַקל, דורך טאָג און דורך דעמער,
די פרייד, ביי דעם וואַסער, פון דורשטיקע לעמער,
דאָס וואַרקען פון ליבשאַפט אין שלאַקן פון טויבן,
דאָס שטיפן פון שטראַלן אויף איינזאַמע שויבן.

איך טראָג, ווי אַ פּאַקל, דאָס געזאַנג פון די שטערן,
דאָס ליד, וואָס צעברויזט זיך פון נאַכטיקע טרערן,
די קרוין פון בטחון, אָן וויי, און אָן מורא,
און ס'צעזינגט זיך מיין האַרץ אין אָדע צום בורא.

איך ווייס

איך ווייס, עס וועט קומען אַ הילף און אַ היילונג
פאַר האַרץ, וואָס עס טרינקט זיך אין יאוש ביז גאָר;
איך ווייס, אויף די וועגן פון מיין אויסדערוויילונג,
מיין חלום וועט ווערן פאַרוואַנדלט אין וואָר.

איך ווייס, עס וועט קומען אַ ליכטיקער שטערן
און זינגען אין גרויער פאַרוואָלקנטער נאַכט;
איך ווייס, עס וועט קומען אַ טוי און אַ רעגן
אויף פעלד און אויף גאָרטן, וואָס ליגן פאַרשמאַכט.

איך ווייס, עס וועט קומען אַ זון אין די הימלען,
און לייכטן דעם וואָגלער, וואָס בלאָנדזשעט, דעם וועג;
איך ווייס, אויף די כוואַליעס, וואָס טרוימען און דרימלען,
וועט קומען די שיף די דערוואַרטע, צום ברעג.

איך ווייס, אין איר אומרו, עס וועט מיין נשמה,
צו געטלעכע הויכן זיך טאָן אַ דערהויב.
איך ווייס — און איך טרינק זי, מיט דורשט, די נחמה,
איך ווייס — ווייל איך גלויב, ווייל איך גלויב, ווייל איך גלויב...

נעם ניט צו דעם בטחון פון מיר

מיין האַרציקן פריינד, דעם שריפטשטעלער הערי לאַנג

ווען די נאַכט איז פאַרטרונקען אין שרעק,
און דער טאָג האַלט פאַרהאַמערט די טיר,
ווען לאַנג גייט דער גרויל ניט אַוועק —
נעם ניט צו דעם בטחון פון מיר.

ווען מיט צעבראָכענע פליגל די טויב,
מיט אַ קלאַנג פון אַלטן קלאַוויר,
קלאַפּט אָן אין פאַרטויעטער שויב —
נעם ניט צו דעם בטחון פון מיר.

ווען דעם פויגלס פאַרטאָגיק געזאַנג
צעברויזט זיך מיט פרייד אָן אַ שיעור,
און עס לויערט פון ערגעץ געפאַנג —
נעם ניט צו דעם בטחון פון מיר.

ווען ס׳ווערט אַ מאָל שווער מיין געמיט,
און בלייַיק מיין יעטוועדער ריר,
ווען ס׳צעבליט זיך אַ טרער אין מיין ליד —
נעם ניט צו דעם בטחון פון מיר.

ווי גוט איז צו גלויבן

ווי גוט איז צו גלויבן, צו האָבן בטחון! —
עס ווערן שבתים פון טעג אין דער וואָכן,
און הימלען, פאַרוואָלקנטע, חושכע, גרויע,
זיי ווערן דיר זוניקע, ליכטיקע, בלויע.

ווי גוט איז צו גלויבן, ווי גוט איז צו האָפן! —
עס קומען צו אייביקע פיינען די סופן;
עס חלומט דאָס הארץ, און עס זינגט די נשמה,
און ס'צעבליט זיך אויף ברעמען אַ בלום פון נחמה.

ווי גוט איז צו גלויבן! ווי גוט איז צו ווארטן
אויף טאָג אויסגעבענקטן, אויף טאָג דעם געגארטן! —
עס זינגען די ווינטן, עס תפילהן די ביימער,
און עס עבאָן די זיכערע טריט פון דעם שומר.

איך וועל וואַרטן

„אף על פי שיתמהמה — אחכה לו"...

איך וועל וואַרטן, איך וועל וואַרטן,
ווי אויף זון פאַר טאָג די בלום,
אויף דער וואָר, פון טרוים געגאַרטן,
וואָס וועט שאַלן הויך: איך קום!

איך וועל וואַרטן, איך וועל וואַרטן,
ווי דאָס פעלד אויף טוי פאַר טאָג,
אויף דעם אויפפּראַל פון פאַרשפּאַרטן,
און אויף חושך אין פאַריאָג.

איך וועל וואַרטן, איך וועל וואַרטן,
אויפן שילד, און שפּיז, און שווערד,
שאַרף — פאַר גראָבן באָדן האַרטן,
און פאַר אַקערן די ערד.

איך וועל וואַרטן, איך וועל וואַרטן,
אויף דעם לייב, און לאַם אין גלי,
און דעם פּאַסטעך, יונג-און-צאַרטן,
וואָס וועט פּאַשען זיי ווי קי.

מעג געזאַנג אין האַרץ פאַרשטעלט זיין,
און פאַרשטאַטנט מיין געצעלט —
איך וועל וואַרטן, ביז צעהעלט זיין
וועט די גאַנצע, גאַנצע וועלט.

ס'האָט זיך גאָט צו מיר באַוויזן

ס'האָט זיך גאָט צו מיר באַוויזן
אין אַ קוש פון ווייסע טויבן,
אין אַ פּליסטער פון אַ מאַמע,
אין אַ שטראַל פאַר טאָג אויף שויבן.

כ'האָב געזען די פרייד פון לעבן,
און דעם זין פון אים דעם טיפן,
אין די וווּנדער־שפּינגעוועבן,
און אין קינדס צעבראָכן שטיפן.

אָ, ווי גוט עס איז צו האָפן!
אַלע הימלען ווערן ריינער,
אַלע וועגן זענען אָפן,
און עס זינגען אויך די שטיינער.

איך וועל שפּרייטן מיינע פליגל

איך וועל שפּרייטן מיינע פליגל,
ווי דער פויגל אויפן בוים,
און וועל פליען צו די הויכן,
ווו דער אָדלער מאַכט זיין היים.

איך וויל אויפפּראַלן די טירן
פון מיין הארץ דאָרט, אין מיין פלי,
ווי דער טאָג פאַר זון און שטראַלן,
פּראַלט די טיר אויף אין דער פרי.

איך וועל איינזאַפּן דעם ווונדער
און די רחבות פון אַרום,
ווי די בין אין שטילן פלאַטער,
אין דעם צויבער פון דער בלום.

איך וועל לאַדן די לבנה
און די שטערן, ווייט און ברייט,
צו אַ גאָלדענער „פּיִעסטאַ",
צו אַ יום־טוב פול מיט פרייד.

און זאָל די ערד, אין שטילער קנאה,
גאַפן אין איר שטויב און רויך,
אויפן כישוף פון די הימלען,
אויפן צויבער פון דער הויך.

לאָז ניט קראַכן דיינע הימלען

לאָז ניט קראַכן דיינע הימלען,
לאָז ניט פאַלן דיינע שטערן!
ווען בטחון הייבט אָן דרימלען,
ווערט אויך זון אַ קוואַל פון טרערן.

עס האָט די וועלט אַזוי פיל פּראַכטן,
טו אַ זוך און וועסט געפינען:
אין פאַרחלומטע פאַרנאַכטן,
און צעזונגענעם באַגינען.

מעג צעהוליען זיך דער שטורעם,
מעג צעפלאַמען זיך דער וויכער —
עס קען דיין טאָג זיין נייגעפורעמט,
עס קען דיין וועג זיין ריין און זיכער.

אַלע טרוימען וויאַנען, שימלען,
ווען בטחון איז ניט געוון —
לאָז ניט קראַכן דיינע הימלען,
לאָז ניט פאַלן דיינע שטערן!

ניט שטענדיק

ניט שטענדיק איז זון בלויז דאָרט הויך אין די הימלען,
אַ מאָל איז זי אויך אין דער טיף פון דעם קעלער —
אַט דאָרטן, ווו שאָטנס די שטענדיקע דרימלען,
אַ מאָל אויך צעברויזט זיך אַ שטראַל דאָרט אַ העלער.

ניט שטענדיק איז וואַרעם בלויז נעבן דעם פייער,
אַ מאָל גליט אַ פונק אויך אין קאַלטע געצעלטן —
עס דאַרף נאָר דיין בליק און געמיט זיין אַ פרייער,
דאַן ווייעט אַ וואַרעמקייט אויך פון די קעלטן.

ניט שטענדיק איז פרייד אין פאַרשייטע געזאַנגען,
אַ מאָל קלאַגט דער צער אויך אין מיידלשע חנען —
זיצן די פייגל אין שטייגן געפאַנגען,
הערט מען, אין טרעלן, אויך שטילע געוויינען.

ווי דער שטראַלן-בליאַסק

ס'איז קיין מאָל ניט דאָס ענדלעכע געפינען —
ס'איז שטענדיק נאָר דאָס זוכן און באַגערן,
ווי דער אומרו אין דעם פלאַטער פון די בינען,
ווי די בענקשאַפט, ווען דאָס האַרץ פאַרגייט אין טרערן.

ס'איז קיין מאָל ניט דאָס האָבן און פאַרמאָגן —
ס'איז שטענדיק נאָר דאָס שטרעבן און פאַרלאַנגען,
ווי דער שטראַלן-בליאַסק אין טונקעלע פאַרטאָגן,
ווי דער ווינט, וואָס שפּילט אויף טוי-פאַרבענקטע זאַנגען.

ס'איז קיין מאָל ניט דאָס בלוי-צעפלאַקערט פייער —
ס'איז שטענדיק נאָר דער פונק, וואָס טליעט אין טיפן,
ווי דער קייטן-רים, וואָס מאַכט דיך פריי און פרייער,
ווי דער יום-טוב, וואָס וועט מאָרגן זיך צעטריפן.

ס׳גייט אויף אין מיין האַרץ אַ געזאַנג

ס׳גייט אויף אין מיין האַרץ אַ געזאַנג,
און אָדע צו הימלשער גנאָד:
ניטאָ מער קיין יאָך און קיין צוואַנג,
ניטאָ מער קיין „אונטערן ראָד״!

אויף ים, און אויף לאַנד, און אין לופט,
עס ציטערט אַ סטרונע אין ווינט;
עס שפּילט, און עס וועקט, און עס רופט,
און עס ענטפערן מאַמע און קינד.

צעבראָכן ליגט צעל און געפאַנג,
צעטראָטן ליגט פּענטע און קייט —
ס׳גייט אויף אין מיין האַרץ אַ געזאַנג.
אַ חלום פון גליק און פון פרייד.

קום צוריק

קום צוריק, עס איז נאָך צייט.
עס בריט די בענקשאַפט פון דער ווייט —
קום צוריק.

ביסט געלאָפן פון דער נאַכט,
און דער טאָג האָט בייז געלאַכט —
קום צוריק.

די נאַכט איז קאַלט, און שווער, און בלייך,
עס האָט די נאַכט דאָך שטערן אויך —
קום צוריק.

עס וואַרט אויף דיר אַ מאָרגנשטראַל,
אַ טויען־קוש, אַ פויגל־שאַל —
קום צוריק.

עס זינגט דאָס הארץ און אויג פון קינד,
ווען עס לויפט אַנטקעגן ווינט —
קום צוריק.

בענקענדיקע שויבן

דעם האַרציקן פריינד, דעם דיכטער לעאָ ראָזאַף

לאָז ניט פאַרשמעלצן די פאַרבן פון רעגן־בויגן;
לאָז ניט פאַרלאַדענען די בענקענדיקע שויבן —
זאָלן די פונקען, צעטליעט אין אויפגעוואַכטע אויגן,
צינדן אין די שלאַקן דאָס וואָרקען פון די טויבן.

לאָז ניט פאַרוואַלקענען די זונטריט אויף די שוועלן;
לאָז ניט פאַרווילדגראָזן די אויפגעבליטע טרוימען —
זאָל די צעברויזטע פרייד פון אויפגעפראַלטע צעלן,
זיך טראָגן מיטן ווינט, און ברעכן אַלע צוימען.

לאָז ניט פאַרשטויבן די צעשפּרודלטע קוואַלן;
לאָז ניט פאַרגרילצן פון מאָרגנליד די קלאַנגען —
זאָלן די זינגענדיקע שטערן אויף סומנע הערצער פאַלן,
און זאָל רעגענען מיט גנאָד אויף אַלע דורשטיקע זאַנגען.

כ׳וויל זינגען אַן אָדע

כ׳וויל זינגען אַן אָדע צום מעכטיקן כוח,
וואָס קומט און הייבט אויף פון מיין אומרו־געמיט
די טאַניקע שטיינער, וואָס צייטנווייז פאַלן
און לעשן דאָס ליכט אויס, און ווערגן מיין ליד.

כ׳וויל זינגען אַן אָדע צום כוח געבענטשטן,
וואָס קומט אַן אין צייט, און אויף פליגל פון פרייד,
און רייסט אויף דעם אומעט אין נאַכטיקן דויער,
וואָס גנבעט אריין זיך מיט שאָטנס באַגלייט.

כ׳וויל זינגען אַן אָדע צום ליכטיקן כוח,
וואָס קומט מיט אַ תפילה און צעברויזטן געזאַנג,
ווען זון איז אין אומעט, און ס׳טרויערן הימלען,
און האַרץ ליגט צעפייניקט אין טרערן־געפאַנג.

כ׳וויל זינגען אַן אָדע צום כוח, וואָס ברענגט מיר
אי פרייד, אי געזאַנגען, אי פליגל אין טראַט —
כ׳וויל זינגען צום כוח, וואָס ברענגט מיר בטחון,
כ׳וויל זינגען פולברוסטיק אַן אָדע צו גאָט.

העלף מיר, גאָט

העלף מיר, גאָט —
אַז מיין וואָרט זאָל ניט זיין, ווי אין קעלער,
ווו חושך דאָרט טיף איז פאַרזייט,
אַ ליכט, וואָס פלוצלונג ווערט העלער,
און שמעלצט זיך, און צאַנקט, און פאַרגייט.

גיב אַריין אין מיין וואָרט יענעם פייער,
וואָס צינדט אָן אין פלאַמען דאָס בלוט,
ווי זאַנגען אין צעפלאַקערטן שייער
און וועקט אויף פאַרבאָרגענעם גלוט.
העלף מיר, גאָט!

העלף מיר, גאָט —
אַז מיינע סטראָפן זאָלן ניט זיין, ווי דאָס פאַלן
פון שטערן ווו ערגעץ אין רוים:
איין ווייל נאָר די לופט זיי צעשטראַלן,
און פאַרשווינדן, ווי אין אויפוואַך, אַ טרוים.

גיב מיר אַריין אין די סטראָפן
די זונשיין וואָס קומט אין באַגין,
און ברענגט מיט זיך גלויבן און האָפן,
פון לעבן — די פרייד און דעם זין —
העלף מיר, גאָט!

מאָרגן

מאָרגן וועט קומען אַ טוי און אַ רעגן
און אָפּפרישן וואַנדערער מידע אויף וועגן.

מאָרגן, אין טאָלן פאַרשטויבט און פאַרלאָזן,
עס וועלן אויף פעלדער צעגרינען די גראָזן.

מאָרגן, דער זמר פון פייגלשע כאָרן
וועט עכאָן פון פאַלמע, פון דעמב און פון דאָרן.

מאָרגן, אין לופט וועלן ברויזן און זידן
פולברוסטיקע לידער פון פרייד און פון פרידן.

מאָרגן, אָ, מאָרגן! יאָ, אַלץ וועט זיין מאָרגן:
דאָס וואָרט פון דעם נביא, פאַר דורות פאַרבאָרגן,

וועט טונקלען די זונען, און ברענען, און פלאַמען,
און צינדן די הערצער פון פעלקער און שטאַמען.

מאָרגן וועט מענטש זיין געליטערט דערהויבן —
ווי גוט איז צו האָפן, ווי גוט איז צו גלויבן!...

נעם אַראָפּ פון די װעגן די שטײנער

נעם אַראָפּ פון די װעגן די שטײנער,
און שפּאַן, אין דעם שטויב, אײן דעם װינט —
זאָל דער טראָט זײַן אַ לײַכטער, אַ רײנער
פון װאָגלער, װאָס בלאָנדזשעט אום בלינד.

נעם אַרונטער דעם הונגער פון בליקן,
גיב רעגן און שפּע דער בײַט,
און זאָל אַלע מענטשן באַגליקן
דער ליכטיקער אָנזאָג פון ברויט.

מעק אויס אַלע חובות אין בלוטן,
און נאַכט זאָל צעגײן װי דער שנײ —
און אײביק זאָל פלאַמען און גלוטן
די ליבשאַפט פון טײַבעלעך צװײ.

גיי איך פֿאַרביי

גיי איך פֿאַרביי אַ צעאַקערטן פֿעלד —
ווערן די בלוטן אין מיר דאַן צעהעלט;
צעבליט זיך אַ שטראַל אין מיין אויג און געמיט,
און ס׳ווערן מיר לייכט און צעפֿליגלט די טריט.

גיי איך פֿאַרביי ווען אַ פֿעלד אַ פֿאַרזייט —
צעזינגען זיך פֿייגל אויף פֿליגל צעשפּרייט;
זינגען מלאכים צו גאָט אין אַ כאָר;
זינגען חלומות — פֿאַרוואַנדלט אין וואָר.

גיי איך פֿאַרביי ווי אַ פֿעלד, ווען אין שניט —
גייט אויף אין אַ תּפֿילה צו גאָט דאַן מיין ליד.
פֿלאַטערט צום הימל מיט דאַנק מיין געבעט
פֿאַר זונשיין, פֿאַר רעגן, פֿאַר שפֿע, פֿאַר זעט.

נאָר גיי איך פֿאַרביי ווען אַ פֿעלד אַ צעשטערט —
ווער איך אַן אבל, און כ׳טרויער פֿאַרטרערט,
אויף אָפֿענעם קבֿר, ווו עס הויערט דער טויט —
איך הער פֿון דער ערד דאָס געיאָמער פֿון ברויט.

כ׳וועל קלאַפּן אין טירן

כ׳וועל קלאַפּן אין טירן פון הערצער פאַרמאַכטע:
הערט, ווי דער ווינט וויינט דאָרטן אויפן בוים!
פאַראַנען אַזוי פיל נשמות פאַרשמאַכטע,
מידע און קראַנקע, וואָס האַלטן זיך קוים.

כ׳וועל קלאַפּן אין טירן פון אויגן פאַרגאַלטע,
וואָס רעגנען מיט יאוש אין אוראַלטן כוס:
זעט, ווי פון פיין און פון ווייען באַפאַלטע,
עס ברעכן זיך צעלן מיט ריגל און שלאָס.

כ׳וועל קלאַפּן אין טירן — אין ווייטאָג און וווּנדן:
הערט, ווי פון ערגעץ עס ברויזט אַ געזאַנג,
און עס קלינגט אַפּ אין היימען, ווו עס ליגן געבונדן,
צעפלאַטערטע טרוימען אין שטומען געפאַנג.

און אַזוי וועל איך קלאַפּן, און זוכן, און ראַיען
אין האַרץ, אין נשמה און אויג פון דער וועלט,
ביז וואַנען עס וועלן אויך ראָבן און קראָען
זינגען אין פייגלשע כאָרן צעהעלט.

כ׳טראָג דעם טרויער פון מיין שכן

כ׳טראָג דעם טרויער פון מיין שכן,
ווי פאַרמשפּטער — זיין קייט,
ווי דער אָקס אין שפּאַן — די יאָכן,
ווי דער אָרעמער — די נויט.

כ׳טרינק דעם אומעט פון מיין חבר,
ווי דער דורשטיקער ביים קוואַל,
ווי דער וואָגלער טרינקט דעם זשאַווער
פון דעם עמער, מיט זיין גאַל.

כ׳שלינג מיין פריינדס געמיט דעם שווערן,
ווי דער טיגער — זיין געפאַנג,
ווי די וואָלקנס שלינגען שטערן,
ווי דער ווינט — דעם קינדס געזאַנג.

ניטאָ, ניטאָ קיין פרעמדעליידן,
זיפצן גיבן מיר קיין רו,
טוט דיין זיפץ די נאַכט ווען שניידן,
זיפץ איך אויך אַזוי ווי דו.

ניטאָ, ניטאָ קיין פרעמדע פיינען,
ניטאָ, ניטאָ קיין פרעמדע טרער —
הערט אַן אויג ווו אויף צו שיינען,
ווערט מיין האַרץ מיר אויבעט שווער.

כ׳האָב געפונען

כ׳האָב געפונען אין דעם קעלער
אַלע שיינקייטן פון לעבן,
כ׳האָב געפונען אין דער נידער
אַלע גוטסקייטן פון האַרץ —
זינג איך הילכיקער און העלער
פון די אָרעמע געוועבן,
גייען אויף דאָרט מיינע לידער,
ווו די שאָטנס פאַרבן שוואַרץ.

כ׳האָב געפונען אין דער ענגשאַפט
אַלע פריינדשאַפטן פון מענטשן,
כ׳האָב געפונען אין דער נאַרע
אַלע ליבשאַפטן פון גאָט —
באָדט און לייטערט זיך אין חנשאַפט
און אין זעליקייט וואָס בענטשן,
ווי די קוואַלן ריינע, קלאָרע —
די טרויעריקע זייט פון שטאָט.

כ׳האָב געפונען הינטער פענטעם
אַלע בענקשאַפטן פון דורות,
כ׳האָב געפונען אין די צעלן
אַלע פונקען פון דער וועלט —
ווייען שטראַל-געשטיקטע לענטעס,
ווי אין ווינט די רייפע פירות,
און אין צעברויזטן פויגלס טרעלן
זינגט מיין האַרץ זיין ליד צעהעלט.

אַלע מענטשן זענען גוט

אַלע מענטשן זענען גוט,
קום זיי נאָר אַנטקעגן.
ברויזט פאַר טאָג די זון מיט גלוט,
לייכטן אַלע וועגן.

אַלע מענטשן זענען פריי
גיי צעברעך די צעלן.
ווען אין הארצן זינגט דער מאַי,
קענסט אים ניט פאַרשטעלן.

אַלע מענטשן זענען ליב,
ס'איז גאָטס גנאָד און װוּנדער.
גיב און נעם, און נעם און גיב,
און — הערצער ווערן צונטער.

קומט די זון אַראָפּ אין סאָד,
איז אַלע עפּל גלאַנצן;
שטעלט זיך ווי אַ קאַראַהאָד,
גייען אַלע טאַנצן.

הייב זשע אויף דיין קול מיט מוט,
זינג אויף אַלע וועגן:
אַלע מענטשן זענען גוט,
קום זיי נאָר אַנטקעגן.

ווייל איז צו אים

ווען ס׳שפּרייטן זיך שאָטנס אויף גאַס און געצעלט,
און רעגנס פאַרפלייצן די זאַנגען אין פעלד,
און וואָלקנס פאַרלעשן פרימאָרגנדיק גלוט —
ווייל איז צו אים, וואָס האָט גלויבן אין בלוט.

און קומט אָן די נאַכט, און זי לייגט זיך אוים שווער,
און הענגט אויף אין חושך אַ זיפץ און אַ טרער,
און בינדט אָן אַ פליגל פון בליי אויף געמיט —
ווייל איז צו אים מיט בטחון אין טריט.

יאָ, ווייל איז צו אים, וואָס ער האָפט און ער וואַרט —
צו אים רעדט דער נביא, אין חלום ער גאַרט,
צו אים זינגט די זון אין איר געטלעכער פּראַכט,
וואָס קומט אָן צעברויזט נאָך דער פינצטערער נאַכט.

עס האָבן קיין צאַמען די שטערן

עס האָבן קיין צאַמען די שטערן,
עס הענגט ניט קיין שלאָס אויף דער לופט,
און פריי איז די בענקשאַפט אין טרערן,
און פריי איז פון בלומען דער דופט.

און הייבט אַ מאָל האַרץ אָן צו נאָגן,
און טריט ווערן שווערער פון בליי —
הער זיך איין צום קאָנצערט אין פאַרטאָגן,
וואָס פייגעלעך גיבן דיר פריי.

און מאַטערט דער אומרו אָן אויפהער,
און פייניקט דער עלנט אָן סוף —
הער איין זיך צום שאַלן פון שופר,
פון פאַסטעך פון לעמער און שאָף.

און מעג ווער אַ שטריק ערגעץ וועבן,
און פאַרקראַטעווען פענצטער און טיר —
פרייער פון פריי איז דאָס לעבן,
געשאַפן פאַר מיר און פאַר דיר.

לייגט זיך אויס אַ ליבער שמייכל

לייגט זיך אויס אַ ליבער שמייכל
אויף אַ פּנים ווי אַרום —
פּראַלט זיך אויף אין זון אַ קנאָספּע,
און עס ברויזט אַרויס אַ בלום.

עכאָט אָפּ ווי אַ געלעכטער
ערגעץ האַרציק אין דער לופט —
גלייכט זיך אויס מיט שטאָלץ אַ סאָסנע,
און זי שפּרייט אין הויך איר דופט.

ברויזט אין ערגעץ אַ געזאַנג ווי,
און ס׳צעקלינגט זיך ווי אַ ליד —
קומט אַ מלאך גלייך צו פליען,
און דער מלאך זינגט אויך מיט.

נאָר קומט אַ ווינט אָן מיט געוויינען —
ווערט פאַרוויאַנעט גלייך די בלום,
בייגט זיך איין פאַרשעמט די סאָסנע,
און דער מלאך שטייט דאָרט שטום.

אין רעגן־בויגן

אין געפאַנג

כ׳בין פאַרהאַפּטעט און געפאַנגען,
כ׳בין געפּענטעט און געשמידט,
אין דעם כישוף פון געזאַנגען,
אין דעם צויבער פון אַ ליד.

ס׳איז מיין וועלט אַ צעל פון טרוימען,
ווי אַ קנאָספּ מיט צווייט צעשפּרייט:
יעדער וועג איז מיר אַן צוימען,
יעדע היים איז פול מיט פרייד.

אַ מאָל דאָך טוט מיין צעל אַ ציטער
אין שפּעטע וואַכעדיקע נעכט,
ווי אַ פּאַלמע אין געוויטער,
ווי אַ פעסטונג אין געפעכט.

ניט לאַנג דאָך האַלט מיך נאַכט אין נידער,
און מיט דעם פויגל פרי אין רוים,
ווידער ברויזן אויף די לידער,
ווידער בליט אין צעל מיין טרוים.

אין כישוף פון ליד

ווערט מיט פיין מיין הארץ פארלאָפן,
ווערט ווי בליי מיר מיין געמיט,
קומט דער כישוף פון די סטראָפן,
קומט דער צויבער פון אַ ליד.

און איך ווער, ווי נייגעבאָרן,
עמעץ שטרעקט מיר אויס אַ האַנט,
מעג איך שטיין דאָן ווי פארלאָרן,
מיטן פנים צו דער וואַנט.

עס לייכטן אויף מיר מיינע אויגן,
וואָלקנס מער אויף זיי ניטאָ,
און מיט זונשיין גלייך פארצויגן
ווערט מיין גורלדיקע שעה.

עס צעבליט זיך הארץ מיט האָפן,
עס צעפליגלט זיך געמיט
אין דעם כישוף פון די סטראָפן,
אין דעם צויבער פון אַ ליד.

קלאַפּט אין מײַן פֿענצטער דער רעגן

קלאַפּט אין מײַן פֿענצטער דער רעגן,
וואַרפֿט אָן אַן אימה דער קלאַנג —
בלאָנדזשענדע וואָגלערס אויף וועגן,
שלעפּן זיך מידע און קראַנק.

טראָגן זיך ווינטן מיט טרערן;
אומעט פּרעסט שווער אויפֿן האַרץ;
וואָיען פֿאַרלאָשענע שטערן —
אַ וועלט איז אין חושך און שוואַרץ.

הוליעט פֿאַרשײַט דער געוויטער;
רעגן קלאַפּט בײַז אין מײַן שויב —
גאָט, העלף די שווערע געמיטער,
גיב זיי דעם פֿלאַטער פֿון טויב...

די וואָס וויינען אויפֿן קול

די, וואָס וויינען פֿאַר גאָט אויפֿן קול,
און שלאָגן זיך אָפּן על־חטא,
אין טעמפּל, אין קירכע, און אויך
אין סינאַגאָג און מינאַרעט —

מיר גייט ניט אָן זייער פּיין;
זייער גאַנצער צעוויכערטער ווי,
מישט זיך מיטן פּלאַטער אין רוים
פֿון קראָען און זייער געשריי.

נאָר די, וואָס ביי נאַכט, אין דער שטיל,
זייער האַרץ גיסן אויס אין געוויין,
און קיינער ניט זעט זייער טרער,
די נאַכט נאָר, און זיי דאָרט אליין —

נאָר די רירן אָן מיר מיין האַרץ,
און זייער ווי ווערט אויך מיין ווי;
און קומט אָן די פּיינפֿולע נאַכט —
וויין איך צוזאַמען מיט זיי...

איך וויל ניט פאַרוואַנדלען...

איך וויל ניט פאַרוואַנדלען אין וואָר מיינע טרוימען,
און אַלץ וואָס דאָס האַרץ האָט געגאַרט ווען — דערגרייכן,
איך וויל ניט נאָר טרינקען פון ווײַן זיינע שוימען,
און וויינען אין שלעסער געבויט אין די הויכן.

איך וויל ניט די רו פון די שטילע פאַרנאַכטן,
ווען דו ווערסט פאַרלאָרן אין טונקל פון דעמער ;
איך וויל ניט די זיסקייט פון ליפּן פאַרשמאַכטע,
וואָס פאַלן צו ראַשיק צום וואַסער פון עמער.

עס ווערן אין תפילה פאַרוואַנדלט די קלאַנגען
פון פויגל, וואָס לאָזט זיך אַרונטער אַ מידער ;
אַ, גיב מיר די בענקשאַפט, וואָס שטראָמט אין געזאַנגען,
גיב מיר דעם אומרו, וואָס גייט אויף אין לידער.

אַ תפילה

קום און פאַרוויג מיך אין ווּנדער פון לעבן,
שיק מיר דעם טרוים פון צעפּלאָטערטן בליק.
זאָלן אויף אייביק אין הארצן זיך וועבן
לידער פון ליבשאַפט, פון פרייד און פון גליק.

קום און פאַרשפּין מיך אין כּישוף פון שטערן,
שיק מיר דעם צויבער פון זון אין דער פרי.
זאָלן די ווינטן, וואָס כאַפּן אויף טרערן,
צעבלאָזן דעם פונק אין מיין זעל אין אַ גלי.

קום און פאַרבאַרג מיך אין שטילע געצעלטן,
שיק מיר דעם פויגל, וואָס קלאַפּט אָן אין שויב.
זאָל אין געמיט, מיין צעבלענדטן, צעהעלטן,
אויפגיין דאָס לויטערע ליד פון דער טויב.

ווי גוט איז

ווי גוט איז צו שפּאַנען אויף באַרגיקע וועגן
ווו ס׳גייט אויף די זון און זי שיינט איבער אַלץ,
און גיין אַ צעגליטער די שטראַלן אַנטקעגן,
און באַגריסן די וועלט דאָרט „מיט ברויט און מיט זאַלץ".

ווי גוט איז אַוועקגיין אַ מאָל פון די רויכן,
פון אַש און פון שטויב, פון פאַרהוישכטער שטאָט,
און זיך לאָזן אַהין, אַרויף צו די הויכן,
ווו עס זינגען די אָדלערס אַ לויבליד צו גאָט.

איך ווייס, אַז אין קלעטער צו באַרגיקע שפּיצן,
ווערט שווערער דער אָטעם, ווערן מידער די פיס.
דאָך גייען אויף לידער, ווי שטערן, ווי בליצן,
און דו — אין דעם ליכט וואַקסטו אויס, ווי אַ ריז.

צי וויל איך דען מער?

לייגט זיך דער העקער אין שאָטן פון בוים,
טרוימט ער פון נעסטן, פון וויג און פון היים;
הערט ער, עס שפּילט אין די צווייגן דער ווינט,
דוכט זיך אים: ערגעץ־ווו זינגט דאָרט אַ קינד —
ברענט מיינע באַקן אַ זודיקע טרער.
צי וויל איך דען מער?

שטעלט זיך דער יעגער אויף ביקס אָנגעשפּאַרט,
זעט ער צוויי אויגן צעשראָקן און צאַרט.
צינדט זיך אין אים, און ס'צעפלאַמט זיך אַ ליכט,
באַלייכט עס אַ ליב און צעשמייכלט געזיכט —
ברענט מיינע באַקן אַ זודיקע טרער,
צי וויל איך דען מער?

קומט אָן אַ וואָגלער, מיט נאַכט, צו אַ טיר,
קלאַפּט ער אָן שטיל דאָרטן, מיד אָן אַ שיעור,
עפנט די טיר זיך, און וואַרעמע הענט
שטרעקן זיך אויס, און די אויגן צעבלענדט —
ברענט מיינע באַקן אַ זודיקע טרער,
צי וויל איך דען מער?

✶

קום און צעטראָג זיך, ווי אַ בראַנקאַ, אַ ליבשאַפט,
און וואַרף דיינע קערנער, מיט דער פרייד פון אַ קינד —
פאַר מענטש און פאַר חיה, פאַר בלום און פאַר דאָרן,
פאַר זון און פאַר שאָטן, פאַר בוים און פאַר ווינט.

זאָל אַלץ ווערן נאָענט, זאָל אַלץ ווערן אייגן,
און אַלץ זאָל אַ טייל זיין פון האַרץ און געמיט —
ס'וועט גאָט אַליין קוקן דאַן זעליק אַרונטער,
און ס'וועט אויפגיין אין וווּנדער דאָס געטלעכע ליד.

קום און צעטראָג זיך, ווי אַ בראַנקאַ, אַ ליבשאַפט,
און זאָלן יומטובן הערצער, ווי סאָסנעס אין מאַי —
אויף ברעמען און אויגן וועלן פלאַטערן טויבן,
און פייגעלעך בלויע וועלן זינגען דערביי.

אָ, זאָל זיך צעהוליען די ערד און דער הימל
לכבוד דיין קומען, אַ ליבשאַפט צעבלענדט,
און אייביק דער עכאָ פון יום-טוב זאָל קלינגען,
און צינדן די בלוטן אָן אָפשטעל, אָן ענד.

*

אָ, גאָט, זאָל די פרייד פון צעזונגענע שעהען
ניט ווערן דער קרבן פון געלייטערטן טרויער;
זאָל דער קוואַל פון קרישטאָלענעם אומעט
ניט ווערן דער שאָטן פון טאָג, אין זיין דויער.

אָ, זאָל זיך ניט שמעלצן דער קנויט פון נר־תמיד,
און שפרייטן זיין וואַקס אויף צעעפנטן ריגל;
אָ זאָל ניט דער אומרו, וואָס לויערט אין וואָלקנס,
זיך לייגן, ווי פראָסט, אויף רחבות פון פליגל.

אָ, גאָט, זאָל דער אומעט, וואָס הענגט אויף די ברעמען
פון צעפיבערטער נאַכט, ווי אַ ווונד צערויעט,
ניט סמען דעם וויין פון צעשפרודלטן מאָרגן,
וואָס ברויזט אויף מיט זונשיין אויף אויגן פאַרטויעט.

אָ, זאָלן די רגעס פון שטראַליקן אויפוואַך,
וואָס צינדן די בלוטן אין טעג די פאַרטיילטע,
ניט ווערן די צאַנקענדע ליכטער אין קעלער,
וואָס פלאַמען אויף ראַשיק, און אָטעמס — געציילטע.

עס גייט אויף מיין ליד מיטן ציטער פון סטרונעס,
געטראָגן פון ווינט אין פאַרבאָרגענע וועלטן —
אָ, גאָט, זאָל דער קלאַנג פון מיין וואָרט זיך צעשטראָמען,
און עכאָן אין אַלע פאַרשטומטע געצעלטן.

פֿאַרגיב מיר

פֿאַרגיב מיר, אָ, גאָט, וואָס איך זוך פֿון מיין טרויער אַנטלויפֿן —
עס לאָקן מיך העלע, צעצונדענע, ווייטע פֿאַרלאַנגען.
איך ווייס, אַז די זינד וועל איך קיין מאָל ניט קענען אויסקויפֿן,
דאָך וויל איך ניט מער מיט מיין טרויער, ווי יעקב, זיך ראַנגלען.

איך ווייס, אַז אַ שמייכל קען ווערן אין מיטן פֿאַרפֿראָרן;
איך ווייס, אַז אַ האַנטדרוק קען ווערן אויך שטייף, ווי דאָס אייזן.
צי קען דען דער שטיין, אונטער האַמער, זיין מעכטיקן צאָרן
פֿון קלעפּ, וואָס זיי פֿאַלן אָן אויפֿהער, דער וועלט, אַרויסווייזן?

עס צאַנקט אין מיין האַרץ, ווי די זון אין פֿאַרנאַכט, די מנורה,
דער לעצטער אַקאָרד פֿון געזאַנגען, צעטריפֿט אין אַ תּפֿילה.
פֿאַרגיב מיר פֿאַר רו אויסגעבענקטער, פֿאַרגיב מיר, אָ, בורא,
פֿאַר לויפֿן פֿון טרויער צו שאָטנס פֿון טייכברעגן שטילע.

אין דער נידער

קום מיט מיר אַרונטער פון די הויכן,
לאָמיר לאָזן פאַר די שטערן יענע וועלטן;
פאַראַן אַזוי פיל וווּנדער צו דערגרייכן
אין תהום, און אין די „אָרעמע געצעלטן".

קום מיט מיר אַראָפּ אין יענע רוימען,
וווּ עס וואַרצלען זיך די בלומען און דיביימער,
וווּ לעבנס־כוואַליעס ברויזן היים און שוימען,
און וווּ גאָטס סודות ווערן אַלץ געהיימער.

קום מיט מיר אַרונטער אין דער נידער,
וווּ עס ליגן אוצרות אין די טיפן,
וואָס טרובאַדורן הייליקן אין לידער,
און קינדער, ווען זיי חלומען און שטיפן.

קום מיט מיר אַרונטער טיפער־טיפער,
וווּ אַלץ דאָרט אָטעמט אין אַ העלן פיבער,
וווּ צייט האָט מער קיין צייכן און קיין ציפער,
און סוד פון עבר רוט אין טיפע גריבער.

עס טרעפט אַ מאָל גאַנץ טיף דאָרט, און די נידער
צעכוואַליעט זיך מיט ברום פון טויזנט ימען;
עס טרעפט אַ מאָל, דער אויבן ווערט דערווידער —
צעשרייט זי זיך מיט העליש־רויטע פלאַמען.

— — — — — — —

אָ, קום מיט מיר אַרונטער פון די הויכן —
די נידער האָט דאָרט אַלץ, וואָס קען דערהייבן ;
די צייט האָט ניט קיין ציפער און קיין צייכן,
און מער עכּאָט ניט דער פייגעשריי פון אויבן.

איך וואַנדער און זוך דיך

איך וואַנדער און זוך דיך אויף וועגן צעהעלטע,
איך זוך דיך אויף שליאַכן וואָס זענען צעבלענדט,
איך זוך דיך אין הערצער מיט זומער באַזעלטע,
איך זוך דיך אין אויגן פון שטראַלן צעברענט.

איך וואַנדער און זוך דיך אויף וועגן צעשטערטע,
איך זוך דיך אויף שליאַכן וואָס זענען פאַרוויסט,
איך זוך דיך אין הערצער און אויגן פאַרטרערטע
איך זוך דיך אין שטויב און צערויעטן מיסט.

כ׳בין מיד. עס שלאָפן אין בינשטאָק די בינען.
דער וועג איז צו ענד באַלד. דער שליאַך — שוין ביים ראַנד.
צי וועסטו א מאָל נאָך, אין ליכט פון באַגינען,
דערלאַנגען פון ערגעץ דיין זיכערע האַנט?

געהאַט האָב איך פריינד

געהאַט האָב איך פריינד,
און כ'האָב זיי פאַרלאָרן,
געהאַט האָב איך פרייד,
און ס'איז ניט געוואָרן.

געהאַט האָב איך גליק,
און ס'איז ערגעץ פאַרשוווּמען
געהאַט האָב איך לידער
אין בלוט, און זיי שטומען.

דאָך פלי איך און פלאַטער
אין זוניקע רוימען:
פאַראַן נאָך צו בענקען,
פאַראַן נאָך צו טרוימען.

קומט די רו אַ מאָל צו פליען

קומט די רו אַמאָל צו פליען —
טוען אָפּ זיך אַלע מיען,
און די צייט אַליין בלייבט שטיל;
ווערן בענקשאַפטן אַנטשלאָפן,
און פאַרלאַנגען, ווי אַנטלאָפן,
אָן אַ זין און אָן אַ ציל.

קומט דער אומרו ווען אַרונטער —
ווערן באַלד די בלוטן צונטער,
און דאָס האַרץ עס טוט אַ זיד;
ברעך איך טיר און שלאָס, און ריגל,
מיין נשמה קריגט דאַן פליגל,
און עס גייט דאַן אויף מיין ליד.

ווי טויבן אין שלאַק

עס האָט ניט באַשטימט מיך די זון איר פאַרטרעטער,
עס האָט ניט געזאַלבט מיך דער הימלשער בלוי;
איך בין נאָר אַ וועכטער, אַ היטער פון בלעטער,
וואָס הענגען אויף צווייגן פאַרטרויערט און גרוי.

עס זינגען די פייגל — איך וויים ניט פאַר וועמען —
איך הער זיך דאָך צו, און איך זינג מיט זיי מיט;
דער טוי קושט די גראָזן און אויך מיינע ברעמען,
און עס טראָגט אויף זיין פליגל דער ווינט אויך מיין ליד

און פאַלט ווען אַ בלאַט אָפּ, דאַן פאַל איך צוזאַמען,
מיר טוליען זיך ווארעם — אַ באַק צו אַ באַק;
מיר טרויערן ביידע אויף פאַרלאָשענע פלאַמען,
און דרימלען פאַרחלומט, ווי טויבן אין שלאַק.

אויב עס קען ניט...

אויב עס קען ניט מיין וואָרט זיין דאָס פייער,
וואָס צינדט אָן אין פלאַמען די בלוטן,
ווי קאָרן אין צעפלאַקערטן שייער,
און וועקט אויף פאַרבאָרגענע גלוטן —

טאָ זאָל עס כאַטש זיין, ווי אין קעלער,
ווו חושך אין טיף איז פאַרזייט דאָרט,
דאָס ליכט, וואָס ווערט העלער און העלער,
איידער עס צאַנקט און פאַרגייט דאָרט.

אויב עס קענען ניט זיין מיינע סטראָפן,
ווי זונשיין אין פריען באַגינען,
וואָס ברענגט דיר אי גלויבן, אי האָפן,
אין פרייד פון צעפלאַטערטע בינען —

טאָ זאָלן זיי זיין, ווי די טויען,
פרימאָרגן, ווי טרערן, וואָס פאַלן
און טרייבן די נאַכטיקע שעהען,
און זאָגן אָן: באַלד קומען שטראַלן.

מיין וואָרט

אויב דאָס וואָרט, וואָס בריט מיין גומען,
ברענגט ווי ווייטאָג, פּיין און טרערן —
זאָל מיין צונג שוין בעסער שטומען,
זאָל מיך קיינער, קיינער הערן.

אויב מיין וואָרט טוט זייען טרויער,
ערגעץ־ווו, אין הארץ און אויגן —
זאָל עס בעסער, אין זיין דויער,
זיין אויף „פּוסטן וואַלד" פאַרפלויגן.

נאָר אויב מיין וואָרט, וואָס גיט קיין רו ניט,
ברענגט אויך האָפן און בטחון
אין אַ הארץ, וואָס האָט קיין פרייד ניט,
אין אַ זעל, אין שווערע יאָכן;

אויב מיין וואָרט, וואָס ברויזט מיט גלויבן,
צינדט ווי אָן דעם פונק פון לעבן,
און געמיט ווערט ווי דערהויבן,
און אַ שטראַל הייבט אָן זיך וועבן —

זאָל עס ברענען, זאָל עס פלאַמען,
זאָל עס זשאַרען העל און זיכער,
און באַלייכטן אויף די ימען
שיפן אינעם בייזן וויכער.

צײַט און רוים

פאַר טאָג

עס רייט אויף אַ וואָלקן מיט שטאָלץ, און צעבלענדט,
די לבנה אין טונקעלער פרי;
דער הימל איז נאָענט — גיי שטרעק אויס די הענט,
און נעם דיר אַ שטערן אָן מי.

ערגעץ-ווו גרילט אַ פאַרשפּעטיקטער גריל,
און זוכט זיין געליבטע אין גראָז;
צוויי טויבן, צעטשוכעטע, וואָרקען זיך שטיל;
אין טוי שטייט פאַרגליווערט אַ האָז.

עס הערט זיך אַ האַסטיקער פלאַטער און זשום
פון בינען אַ ראָי אין דער לופט;
עס וואַרט אויף צעעפנטע טירן די בלום,
עס שפּרייטן שוין ווינטן איר דופט.

איך שטיי ביי דעם פענצטער — עס שלאָפט זיך ניט מער —
וועט דער טאָג זיין היינט פריידיק און גוט?
עס ענגט נאָך אויף וויעס אַ נאַכטיקע טרער,
און עס ברענט נאָך אַ חלום אין בלוט.

באַגינען

עס רוט דער הימל אויפֿן רוקן פֿון דעם באַרג,
ווי אַ מאַמע איבער וויגל שפּעט ביי נאַכט;
עס ווינקט אַ שטערן אַ פֿאַרשפּעטיקטער אין הויך,
ווי דאָס לעמפּל פֿון דעם היטער, וואָס באַוואַכט.

עס מורמלען ביימער שטיל אַ תּפֿילה פֿון פֿאַרטאָג,
ווי דאָס טייכל טיף אין וואַלד דאָרט, רויק־שטיל;
עס שטיפֿן ווינטן מיט די שאָטנס אין פֿאַריאָג,
ווי קינדערלעך, צעהוליעט, אָן אַ ציל.

עס וואַשן גראָזן זיך די אויגן אין דעם טוי;
עס וואָרקעט אַ „גוטמאָרגן" אויס אַ טויב;
אַ צעשפּרודלטער, אין יום טוב פֿון געבוי,
קומט אַ שטראָל און טוט אַ שפּיגל זיך אין שויב.

עס טראָגט אין רוים זיך שטיל אַ בענקשאַפֿט פֿון אַ שטייג,
עס ענטפֿערט אַ געזאַנג איר אָפּ צעטרעלט;
צעקלונגען ווערט די לופֿט פֿון נעסט און צווייג —
ווי וווּנדערלעך באַגינען איז גאָט׳ס וועלט.

קלאַפּט דער פרילינג אָן אין האַרצן

קלאַפּט דער פרילינג אָן אין האַרצן,
שטראַלט אין אויג אַריין דער מאַי —
אויך אין תהום, אין טיפן, שוואַרצן,
ווערט איצט לויטער, העל און ניי.

אין צעברויזטער פרייד פון לעבן,
ווען עס יומטובט דער באַשאַף —
אויך אין נאַכטיקע געוועבן
הענגען זונען — קוק און גאַף!

אין די גליקלעכע מינוטן,
פון צעפליגלטן געמיט —
אויך אין אויסגעקילטע בלוטן
הייבט אָן טליען איצט אַ ליד.

מיט בטחון פול און מונטער
ווערט דאָס אָרעמע געצעלט —
אין דעם צויבער, אין דעם וווּנדער
פון גאָטס אויפגעוואַכטער וועלט.

דער זומער איז געקומען

דער זומער איז געקומען,
צעזינגט זיך מיין געמיט
צו זונשיין און צו בלומען,
צו שטערן און צו צוויט.

צום גאָלדענעם באַגינען,
צום זמר אין דער לופט
פון פייגל און פון בינען,
וואָס כשופט און עס רופט.

צו פעלד, און סאָד, און גאָרטן,
צו פאַרזייטער בייט,
צו דער שפע דאָרטן,
וואָס גאָט האָט צוגעגרייט.

עס ברויזט די וועלט מיט ליבע
און האָפענונג אַרום
פאַר האַרץ און אויגן טריבע,
פאַר די, וואָס ווייַנען שטום;

פאַר די, וואָס ליפּ און גומען
דאָס וואָרט פון יאוש בריט...
דער זומער איז געקומען,
צעזינגט זיך מיין געמיט.

האַרבסט

ראַשיק איז דער האַרבסט געקומען
ווי אין ווינט אַ ווילדער רייטער,
פריי און הפקר זיך צעיושעט,
ווי פון קייטן אַ באַפרייטער.

אַנגעקומען מיט געשרייען,
מיט אַ הילכיק פייפן, בלאָזן,
ווי אַ וויכער אין פאַרנאַכטן
איבערביימער, איבער גראָזן.

וואַלד און פייגל אין אַן אומרו,
אין אַן אומרו אויכעט הערצער:
ס'ווערן טונקעלער פאַרטאָגן,
און די דעמערס ווערן שוואַרצער.

אויף די פעלדער שטילער אומעט,
ניט קיין תפילה, ניט קיין זמר;
געלע זאַנגען אין אַ טרויער,
ווי פון דורשט — פאַרשוואַכטע לעמער.

מיט אַ זיפץ פון אַנגסט און עלנט
לאָזט דער וואַגלער זיך אין וואַנדער;
ס'פאַלן בלעטער, ס'פאַלן צווייגן,
ווו אַליין, און ווו ביינאַנדער.

אויף די דעכער שטילע טויבן
קושן, טוליען זיך צוזאַמען;

פונקען שטילע פון דער בענקשאפט
ברויזן אויף אין העלע פלאמען.

טרוימען גראָע, ווי דער הימל,
הייבן אָן זיך ערגעץ פלעכטן;
ערגעץ נאָגט אין הארץ אַ מורא —
ס'איז דער זומער שוין אַ נעכטן.

ניט קיין טרעלן מער פון פייגל,
ניט פון בינען מער קיין זשומען.
אָנגעקומען איז דער הארבסט שוין,
באלד וועט אויך דער ווינטער קומען.

פרימאָרגן אין האַרבסט

עס יאָמערט די נאַכט. — אירע טרערן
די ווינטן צעטראָגן אַרום,
ווי קוישן פאַרפראָרענע שטערן,
אויף גראָזן פייכטע און שטום.

אויף לאָנקע, אויף טאָל און אויף וויאָן,
עס טרויערט פאַרשפּעטיקטער צווייט,
ווי דאָס בלוט, וואָס הערט אויף צו גליען,
ווען עס פליגלען שוין מער ניט די טריט.

דאָך דער מאָרגן אין האַרבסט איז דער שענסטער:
עס ברויזט מיט אַ טרוימען — פאַרזיי,
עס קלאַפּן אָן טויבן אין פענצטער,
לויטער, און ווייסע ווי שניי.

עס רייסט זיך אַ שטראַל דורכן לאָדן,
עס צינדט זיך אָן ערגעץ די לופט,
דו זעסט אין דעם וואונדער גאָטס גנאָדן —
עס ליכטיקט, עס זינגט און עס רופט.

אַ שנייעלע

א שנייעלע, לויטער און ווייס, ווי א טויב,
געקומען פון ערגעץ, און ארויף אויף מיין שויב.

קוק איך אין וואונדער: ווי פרעכטיק! ווי שיין!
זע איך, ווי שנייעלע הייבט אן צעגיין!

דערפיל איך די אנגסטן פון בלום, אין איר פראכט,
אין געיעג פונעם ווינט, און אין פראסט פון דער נאכט.

דערהער איך פון ערגעץ א שטילן געוויין
פון א ליבע צעבלענדעט אין פיין, און אליין.

פארגעם איך ווי הינטער א טיר איז פארשפארט,
דער וויי פון א בענקשאפט, וואס חלומט אוןווארט.

עכאט און ציטערט אין הארצן א קלאנג —
עמעצער יאמערט, און מיר טוט דאס באנג...

אין שפּעטיקער נאַכט

ביים אָפענעם פענצטער, אין שפּעטיקער נאַכט,
איז געזעסן דער אומעט פאַדאגהט, פאַרטראַכט.
איז געקומען, מיט פּנים פאַרחושכט און שטאַר,
באַזוכן זיין פריינד, פון ערגעץ, דער צער;
מיט אַש אין די אויגן און בליי אין די טריט,
איז געקומען צו גיין אויך דאָס שווערע געמיט.
עס האָבן די געסט, ווי שאָטנס אויף ווענט,
שטום זיך באַגריסט און געגעבן די הענט.
און דאַן, אין נאַכטיקער גרוי איינגעהילט,
צעזעצט זיך ביים אָפענעם פענצטער דאָרט שטיל.
זיי זיינען געזעסן אין פראַסטיקן ווינט,
ביז ס'האָט זיך דערהערט דאָס געוויין פון אַ קינד,
און ס'האָט זיך צעזשומעט אין פלאַטער אַ בין,
און אין מזרח עס האָט זיך צעברויזט דער באַגין.
אַ גאָלדענע זון האָט צעזשאַרעט זיך העל —
דאַן האָבן די געסט זיך אַ הייב געטאָן שנעל
און, גלייך ווי געקומען, אָן קלאַנג און אָן וואָרט,
זיי האָבן, ווי שטומע, פאַרלאָזן דעם אָרט.
און דאַן האָט אין שטראָמען פון שטראַלן צעגליט,
הויך זיך צעקלונגען פון פויגל דאָס ליד.

אײנזאַמע שעהען

אין וואַנדער

געבויגן און מיד, אויף די וועגן,
אין שנייען, אין טוי און אין רעגן,
איך וואַנדער אַזוי ווי אַ שאָטן,
אויף שליאַכן פאַרצוימט און פאַרבאָטן.

מיין וועג פירט אַ מאָל איבער שייטערס,
דאָך טרייבט מיך אַ כוח אַלץ ווייטער —
אויף לאַנקעס און טאָלן פאַרוואַקסן —
מיט בייטשן און יאָכן פון אָקסן.

עס טרעפט, און דאָס האַרץ, אין מיין וואַנדער,
צעברויזט זיך און זינגט זיך פונאַנדער;
עס טרעפט, און מיין זעל ווערט צעשווומען
אין ליכט פון די שטערן און בלומען.

נאָר באַלד קומען ווידער אָן ווייען,
און ווידער הייבט פיין אָן געדייען,
און ווידער די ווינטן און האַגלען — — —
ווער נעמען אַ סוף צו מיין וואַגלען?!

ווען די פרייד ווייַנט

ווען ס׳ברויזט אויף מיט לויטערער פרייד דער באַגין,
און עס פלאַטערט אויף אָפענער קנאָספּע די בין —
דערהער איך דאָס קול פון פאַרשלאָסענער צעל,
וואָס קלאָגט ווען דער אויפגאַנג פון טאָג זיך צעהעלט.

ווען עס גרייכט אין דער פרי אויף די פליגלען פון ווינט,
פון ערגעץ דאָס גאָלדן געזאַנג פון אַ קינד —
דערזע איך, ווי עס הענגט איבער וויג, וואָס איז לער,
דער צעבראָכענער מאַמעס פאַרפראָרענע טרער.

ווען ס׳צעקלינגט זיך דער וואַלד אין פאַרטאָג מיט זיין ליד,
וואָס הייבט און מאַכט ליכטיק און לייכט דאָס געמיט —
פאַרנעם איך ס׳געוויין פון דעם פויגל אין שטייג,
וואָס בענקט נאָך זיין נעסט, נאָך זיין בוים, נאָך זיין צווייג.

איינזאַמע שעהען

אַ מאָל — און דער נאַכטיקער דויער
טרינקט זיך אין אומעט און צער,
און עס ציטערט אין האַרצן אַ סטרונע,
און אויגן — פאַרטויעט און שטאַר,
און עס פלאַטערן איינזאַמע שעהען,
און אין לופט הענגט אַ שטומער געוויין —
אַ, לאָז מיך ניט זינקען אין עלנט,
אין ביטערן שטראָם פון אַליין!

אַ מאָל — און די כוואַליעס פון צווייפל,
און וויכער פון יאוש און קלאָג,
פאַרדעקן דאָס האַרץ און נשמה,
ווי כמאַרעס — אַ זוניקן טאָג,
און עס הייבט אַזוי שאַרף אָן צו נאַגן
די פוסטקייט, וואָס הינטערן טיר —
אַ, לאָז ניט פאַרסמען מיין האָפן,
אַז אפשר דאַרט קומט ווער צו מיר!

אַ מאָל — אין וואַנדער און וואָגל,
אויף וועגן פאַרוואָרלאָזט און לער,
ווו עס ברענען צעצונדענע זאַמדן
די טריט דיר, ביז וויי און ביז טרער,
דו זוכסט דאָרט אַן אָנהאַלט, אַן אָפרו,
נאָר דער ווינט טרייבט דיך בייז צו דעם ראַנד —
אַ, לעש ניט דעם טרוים, דעם צעבליצטן,
פון אַ וואַרעמער פריינדלעכער האַנט!

ווען עס פאַלן די בלעטער

און ברויזט אויף דער מאָרגן מיטן פלאַם פון דעם מזרח,
און עס הייבט אָן אַרום צו שאַרן אויף טאָג —
מיין ניט, אַז נאַכט וועט צוריק שוין ניט קומען,
מיין ניט, אַז חושך איז שוין אין פאַריאָג.

און הערסטו דעם קלאַנג פון צעבראָכענע קראַטעס,
און טרייסלט די לופט אויף אַ ברוסטיק געזאַנג —
מיין ניט, אַז פענטעס פאַראַן נאָר אין דרימל,
מיין ניט, ניטאָ מער קיין קייטן־געקלאַנג.

און שטראַלט אויף דיין זעל מיטן גרוס פון אַ ברודער,
און ס'העלט אויף דיין האַרץ מיטן בלענד פון אַ פריינד —
מיין ניט, אַז האַס איז פון לאַנג שוין פאַרשוווּנדן,
מיין ניט, ניטאָ מער קיין טריט פון אַ פיינט.

ווי גוט איז דער חלום פון אייביקן פרילינג!
ווי שיין איז דער טרוים פון צעבליצטן קאַיאָר!
אָבער גאָט אַליין טרויערט, ווען עס פאַלן די בלעטער,
און אומעטיק־שווער איז די האַרבסטיקע וואָר.

אומעטיק

ווּ זענען פון האַרץ די געזאַנגען,
צעברויזטע אין בלויע פאַרטאָגן?
ווּ זענען די שטילע פאַרלאַנגען
פאַר לידער, אויף פליגלען געטראָגן?

ווּ זענען די געבענטשטע מינוטן,
וואָס פלעגן די נשמה דערהייבן?
ווּ זענען די פייערם אין בלוטן,
וואָס פלעגן צעזשאַרען דעם גלויבן?

עמעצער קלאַפּט אין מיין פענצטער,
און ס׳צעבליט זיך אין האַרץ אַזאַ אומעט;
עס הוידען אויף ווענט זיך געשפּענסטער;
אַ פליג אין אַ שפּינגעוועב זשומעט.

עס רעוועט דער ווינט איבער זאַנגען,
דער הימל דעקט גראָזן מיט טרערן.
ווּ זענען פון האַרץ די געזאַנגען,
די לידער פון זון און פון שטערן?

געוועז

געוועז איז מיין ליד מיר אַ פריינד,
אַ ליבער, אַ טייערער גאַסט —
היינט איז מיין ליד מיר אַ פיינט,
היינט איז מיין ליד מיר אַ לאַסט.

געוועז איז מיין ליד מיין באַגער,
ווי פאַר טאָג דאָס געזאַנג פון אַ קינד —
היינט ברענגט מיין ליד מיר אַ טרער,
היינט וויינט אין קוימען דער ווינט.

ס׳פלעגט ברענען דאָס וואָרט אויף מיין צונג,
און העלן מיין האַרץ און געמיט —
היינט לעשט זיך אין וויכער דער פונק,
היינט צאַנקט און עס שמעלצט זיך מיין ליד.

מיין פֿאַרלאָרענער טרוים

איך וואָגל און וואַנדער אויף זומפּיקע וועגן,
מיט וואָלקן אויף ברעמען און בליי אין די טריט —
עס קומען כסדר נאָר ווינטן אַנטקעגן,
און וואָגלען ווי איך, און זיי וואַנדערן מיט.

מיט פּיין אין מיין אָטעם און ווי אין די גלידער,
עס זוכט ווי אַן אָפּרו מיין אומרויִק האַרץ —
קיין שאָטן, קיין בליטן, קיין גראָז — און אַ מידער
איך וואַנדער און וואַנדער אין חושך און שוואַרץ.

איך טרעף אָן אַ וואָגלער אַ מאָל אויף די וועגן,
ווי איך אַזוי עלנט, צעבראָכן און מיד —
אין זומפּ און אין ווינטן, אין טוי און אין רעגן,
מיר וויינען אויס ביידע אין וועג אונדזער ליד.

עס בלאָנדזשעט מיין בליק אין די אויבערשטע ספערן
פון בייזן, פאַרכמאַרעטן הימלשן רוים:
ווער וויים, אפשר צווישן פאַרלאָשענע שטערן
עס וואַנדערט, ווי איך, מיין פאַרלאָרענער טרוים?

שטעל אָפּ די ערד

שטעל אָפּ די ערד — איך וויל אַרונטערגיין!
כ'געפין אויף איר אין ערגעץ ניט קיין רו:
אין מאָרגנווינט עס קריטשען טיגערציין,
און ווייסע נעכט — שאַקאַלן דעקן צו.

אויף יעדן וועג די שטילע טריט פון וועלף,
אויף יעדן שליאַך — אַ חיהשער באַגער;
די לופט איז פול מיט ווילד־געשרייען: „העלף"
און ס'מישט זיך טוי פאַר טאָג מיט מאַמע'ס טרער.

איך וואַנדער אום, איך גיי, און ווייס ניט וווּ,
עס ברענט מיין טראָט אין ברוק אויף יעדן שטיין.
מיין האַרץ איז מיד, איך זוך אַ ביסל רו.
שטעל אָפּ די ערד — איך וויל אַרונטערגיין.

אומרו

ס׳איז מיין אומרו זיך צעוואַקסן,
ווי דאָס ווילדגראָז אויף די שליאַכן:
אַלע היימען און געצעלטן
זענען צעלן פאַר געפאַנג;
כ׳הער אַ חוזקן און לאַכן
אין יעדן פויגלנעסט צעטרעלטן,
און פון אונטער יעדן שטיינדל,
קוקט מיט גיפט אַרויס אַ שלאַנג.

כ׳בין אַ שעפּס, מיט וואָל געשאָרן,
כ׳בין אַ שיף אויף בייזע ימען;
כ׳בין אַ וואָלף אין וויסטן יאָמער
צו דעם הימל אין דער נאַכט.
אַלע וועגן האָבן צאַמען,
אַלע פענצטער האָבן קראַטעס,
אַלע שאָטנס ווינקען: „לאָמיר״!
און די רויבער זענען וואַך.

שווער און שווערער ווערן טעג מיר,
ווי מיט דיקן בליי פאַרגאָסן,
און די שווערקייט בייגט אַרונטער
אי די פלייצעס, אי געמיט;
אַלע וואָגן, אַלע מאָסן,
יעדער רעטעניש און וווּנדער,
אין צעפראַלטע האַרץ און אויגן,
וועקן אומרו אין מיין ליד.

מיין פענצטער איז אָפן

מיין פענצטער איז אָפן, מיין טיר איז צעפּראַלט,
עס טרוימען פון טריט מיינע שוועלן,
עס פלאַמט אויף דער צפון, עס תפילהט דער וואַלד,
אַ פויגל פאַרגייט זיך אין טרעלן.

מיין בעט איז געמאַכט, באַפּוצט און באַצירט,
מיין טיש איז געדעקט, און אין ווייסן,
אַ שטילע דערוואַרטונג, פון שטראַלן געפירט,
טוט שאָטנס צעטרייבן, צערייסן.

נאָר ס'ווערן ניט טרוימען פאַרוואַנדלט אין וואָר,
מיין שוועל קושט די טריט ניט פון קיינעם,
מיין טיר און מיין פענצטער, זיי זענען ביז גאָר
פאַרוועבט אין אַן עלנט אין איינעם.

אין פענצטער צעעפנטן רייסט זיך דער ווינט,
אין טיר קומט אַ מבול אַ רעגן —
בליק איך צום הימל און וויין ווי אַ קינד,
אויף גאָטס ניט־פאַרשטענדלעכע וועגן.

ווי דער פויגל

אַ מאָל דו דערפילסט, ווי אַ פאַרהאַפּטעט געזאַנג
רייסט זיך פון האַרץ אויף דער פריי,
ווי דאָס געזאַנג פונם פויגל געפאַנגען אין שטייג,
ווען ער דערפילט אין די פליגלען דעם מאַי.

און רייסט דאָס באַפרייטע געזאַנג זיך אַרויס,
ווי דאָס גראָז, וואָס ברעכט דורך דעם שטיין —
כאַפּט אויף דער ווינט און צעטראָגט אין דער לופט
דעם קלאַנג פון אַ שטילן געוויין.

אין אַ בייזער שעה

איך בין, ווי דער בוים אויף פאַרוואָרפענעם וועג,
צעטריקנט פון זון און פון ווינט:
קיין צוויטשער פון פייגל, קיין שאָטן אין טעג,
קיין לאַכן, קיין שטיף פון אַ קינד.

איך בין, ווי די בלום אין פאַרוואָרלאָזטן טאָל,
פאַרגעסן פון מענטש און פון גאָט:
קיין זיידענער אָנריר, קיין פריידיקער קול,
פאַר ווילדגראָז און דערנער צו שפּאָט.

איך בין, ווי דער קוואַל, וואָס שלאָגט פון דער טיף,
און רייסט זיך דורך שטיינער דאָרט שווער,
ווי עס רייסט זיך פאַרלאָרן דורך שטורעם אַ שיף,
ווי עס רייסט זיך אַ שטראָל דורך אַ טרער.

איך בין, ווי דער אָדלער וואָס פאַלט פון דער הויך,
מיט פליגל צעבראָכן און מיד —
און עס טראָגט זיך אַ וואָיען אין ווינט און אין רויך,
און עס יאָמערט פאַרצווייפלט מיין ליד.

אין מידע טעג

די לידער, וואָס כ'האָב זיי אין האַרצן,
ווי פּערל, געהיט און געקליבן —
פאַרשוווּנדן, ווי פייגל אין ווינטער,
ניטאָ, און קיין שפּור ניט געבליבן.

עס זענען פאַרשטומט די געזאַנגען,
וואָס פלעגן פון האַרצן זיך טראָגן,
און ברויזן אין כאָרן פון שטערן,
און אויפגיין מיט זון אין פאַרטאָגן.

ניטאָ מער, ניטאָ אין די בלוטן
דאָס בלויע, צעפלאַקערטע פייער;
עס בליט ניט אין אויג מער דער חלום,
דער העלער, דער פרישער, דער נייער.

און ליידיק, און פּוסט איז געוואָרן,
און די טעג ווערן מידע און מידער —
צי וועלן די לידער אין האַרצן
אַ מאָל זיך באַווייזן דאָרט ווידער?

עס רייסט זיך פֿאַרלאָרן

עס רייסט זיך, פֿאַרלאָרן, אַ שטערן צעהעלט
פֿון אונטער אַ וואָלקן, וואָס האַלט אים פֿאַרשטעלט.

עס ציטערט אַ נאַקעטער בוים אין דעם ווינט,
און יאָמערט אין האַרבסטיקער נאַכט, ווי אַ קינד.

עס פֿיינט אוים אַ פֿויגל אַן אומעטיק ליד,
מיט פֿליגל צעבראָכן, פֿאַרהונגערט און מיד.

עס פֿלאַטערט אין לופֿטן פֿאַרקייכט און פֿאַרשטיקט,
אַן עלנטער רוף פֿון אַ פֿאַריתומטער וויג.

גייט אוים מיר מיין האַרץ צום שטערן אין הויך,
צום פֿויגל, צום בוים, און צום וויג דאָרטן אויך.

איך וואָלט צו מיין ברוסט, ווען איך קען, זיי געדריקט,
און, ווי קינדער אין פֿיין, זיי מיט ליבשאַפֿט פֿאַרוויגט.

בייג איך מיין קאָפּ אומבאַהאָלפֿן, אין וויי,
און טרויער צוזאַמען, און יאָמער מיט זיי.

אין מיין פענצטער קלאַפּט אַ טויב

אין מיין פענצטער קלאַפּט אַ טויב,
אַ טויב מיט קראַנקע פליגל;
אויף מיין בוידעם, פול מיט שטויב,
שטייט אַ ליידיק וויגל.

אויף מיין דאַך דאָרט קרייט אַ האָן,
אַ האָן מיט רויטע קאַמען,
קומט אַ ווינט פון ערגעץ אָן —
קרייען זיי צוזאַמען.

קלאָגט אַ פויגל אויף מיין בוים,
עלנט און פאַרלאָזן,
קראַנק און מיד, און אָן אַ היים —
קלאָגן מיט די גראָזן.

די זון איז היינט געקומען שפעט,
קוים אַרויסגעקראָכן —
אפשר קראַנק, ווי איך, אין בעט,
עלנט און צעבראָכן?

איצט וועל איך זינגען פון מיין אומעט

שעהען, רגעס אויסגעבענקטע,
גאַלאָפּירן מיט די שטערן,
ווי די ווינטן איבער זאַנגען,
ווי די כוואַליעס איבער ימען.

אַלע טרוימען אויסגעשפּונען,
אַלע פרײדן אויסגעשעלט זיי,
אויסגעהוליעט אַלע יום-טובֿס —
איצט וועל איך זינגען פון מיין אומעט.

אויסגעחלומטע מאָמענטן
שוועבן מיט די גראָע וואָלקנס,
אויף די דעכער, מיט די קראָען,
שלאָפן, מידע בייזע שאָטנס.

אַלע קראַטעס דורכגעבראָכן,
אַלע קייטן שוין צעריסן,
אָנגעצונדן אַלע תּפיסות —
איצט וועל איך זינגען פון מיין אומעט.

איך זע די טעג פֿאַרשווּנדענע

דעם אָנדענק פֿון יצחק פֿרידלאַנד

איך זע די טעג פֿאַרשווּנדענע
אין לאָמפּן אָנגעצונדענע,
אויף גאַס און וועגן נאַכטיקע,
פֿאַרשאָטענע, פֿאַרטראַכטיקע.

איך זע די טעג פֿאַרפֿלויגענע
אין ביימער איינגעבויגענע,
אין נעסטן לאַנג פֿאַרלאָזענע,
אין גראָז און צווייט צעבלאָזענע.

איך זע די טעג פֿאַרגאַנגענע
אין פֿענצטער דיק־פֿאַרהאַנגענע,
אין טירן שווער־פֿאַרשלאָסענע,
מיט שטילקייט טיף־פֿאַרגאָסענע.

ניטאָ מער

דעם אָנדענק פון דיכטער חיים באַרקאַן

מיין ליד איז געשפּונען פון טרערן,
מיין וואָרט איז געפלאָכטן פון צער,
עס לעשן זיך אויס מיינע שטערן,
מיין הימל איז חושך און שטאַר.

ווי דער פויגל, נאָך טעג און נאָך וואָכן,
מיד פון זיין פליען אַ היים,
געפינט, אַז זיין נעסט איז צעבראָכן,
געפינט ס׳איז פאַרשניטן זיין בוים.

שטיי איך, ווי אַן אבל, געבויגן,
העלט ניט קיין טרייסט מיין געמיט:
ניטאָ מער דער גלאַנץ אין די אויגן —
ניטאָ מער די זון אין מיין ליד.

װען דײַן שטערן פֿאַרשװינדט

דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון מײַן ברודער ד״ר פֿאַביוס בערמאַן

אַ מאָל לעבט אַ בלום נאָר קורץ — חײ־שעה,
דאָך שפּרײטן גאַנץ לאַנג נאָך די װינטן איר דופט;
אַ מאָל װערט אַ נעסט װי צעשטערט און — ניטאָ,
דאָך פֿילט אָן דער פֿױגל מיט לידער די לופֿט.

און לעשט זיך דײַן זון, און דײַן שטערן פֿאַרשװינדט,
און עס זינגט דיר „איילו לו״, װי אַ מאַמע, די ערד —
װי טרערן צעשטראַלט אין געװײן פֿונעם קינד,
עס טרינקט לאַנג דער הימל דײַן װאָרט און דײַן װערט.

פאַלן בליטן

דעם אָנדענק פון נח גאָלדבערג

פאַלן בליטן אַפּ פון שוואַכקייט אין דער נאַכט —
צעברויזט זיך מער די בלום אין מאָרגן מיט איר פּראַכט.

ברעכן אַפּ זיך דאַרע צווייגן פונעם בוים —
קוקן שפּיצן העכער, שטאָלצער אין דעם רוים.

נאָר פאַלט אַ פייגעלע פון נעסט אַ מאָל אַרויס —
דאָס האַרץ דער מאַמעס ווי אַ ליכט גייט אויס.

עס ברענגט קיין טרייסט דער ווינט איר אויפן בוים,
און ס׳ווערט איר ענג, און ס׳ווערט איר פרעמד איר הייך

דער לוח

יעדן טאָג קומט אַ זיכערע האַנט צו די בלעטער,
און פון לוח, דעם דיקן, אַ בלעטל רייסט אָפּ —
קוקן מיט חוזק אין הימל די געטער
אויף דעם, וואָס ער שטייט מיט פאַרריסענעם קאָפּ.

יעדן טאָג, און דער לוח ווערט קלענער און קלענער,
און דער וועג ווערט שמאָלער, און פירט צו דעם ראַנד.
עס הייבן אָן עכאָן פאַרדומפּענע טענער,
וואָס קומען אַזוי ווי פון הינטער אַ וואַנט.

עס ברויזט, און עס זידט, און עס פלאַטערט דאָס לעבן
אַ מאָל מיטן אימפּעט פון שטורמישן ים,
אַ מאָל מיט דער שטילקייט פון תפילה־געוועבן,
אין פאַרשלאָסענע צעלן, מיט גאַל און מיט סם.

עס ברויזט, און עס זידט, און עס פלאַמען אויף בלוטן,
ווי דאָס ליכט, וואָס צעפלאַמט זיך ביים ענד און גייט אוים;
עס בליצן אויף אויגן אין לעצטע מינוטן —
דער לוח פון לעבן איז אוים...

מ׳יט זשאַר אין די אויגן

איך וויל היינט זאָגן קדיש

איך וויל היינט זאָגן קדיש
נאָך פאַרלאָרענע „צען שבטים" —
די פאַרטיליקטע געביטן פון מיין היים;
איך וויל היינט זאָגן קדיש
נאָך מיין וועלט, וואָס איז צערונען,
און וואָס ליגט דאָרט אונטער אַש און אונטער ליים...

איך וויל היינט זאָגן קדיש
נאָך דעם גאָרטן פון מיין יוגנט,
נאָך דעם וואַלד פון מיינע טרוימען, וואָס אַוועק.
ס'איז דער וואַלד דאָרט אַ צעברענטער,
און דער גאָרטן — אַ בית עולם,
און פאַרוואָרלאָזט יעדער שליאַך און יעדער וועג...

ווי מיר! כ'בין געזעסן
אין דעם שאָטן פון טאָפּאָליעס,
און דער ווינט האָט מיך געצערטלט און געהעלט,
און דאָרטן האָט דער שטורעם,
ווי אַ חיה, ווילד געריסן,
און פאַרטיליקט, אָן רחמנות, מיר מיין וועלט...

איך וויל היינט זאָגן קדיש,
און זיך שטעלן ביי דעם עמוד,
אין אַ טלית, אויסגעוועבט פון אַש און רויך;
איך וויל היינט זאָגן קדיש,
און וויל רופן גאָט צום מנין —
זאָל ער קומען! זאָל ער זאָגן אמן אויך!...

איך דערמאָן זיך

מיין ליד איז געפלאָכטן פון טעג און פון יאָרן,
אין ווייטאָג, אין טרויער און פלאַם;
מיין ליד איז געשפונען פון שנאה און צאָרן,
וואָס ליגן, ווי בליי, אויף מיין שטאַם.

איך קען מער ניט זינגען פון זון און פון שטערן,
פון גראָז, און פון בלום, און פון בוים —
אַ דור איז געשוווּמען אין בלוט און אין טרערן,
און ליגט איצט פאַרדעקט אונטער ליים.

איך דערמאָן זיך צוויי בלויע, צוויי לויטערע אויגן,
און ליפעלעך — קאַרשעלעך רויט;
איך דערמאָן זיך אַ ליבינקער שמייכל פאַרצויגן,
וואָס גאָט נאָר אויף זיי האָט פאַרזייט.

איך דערמאָן זיך צוויי פרישינקע ראָזאָווע באַקן,
און גריבעלעך — חנדעלעך צוויי;
איך דערמאָן זיך צוויי צעפּעלעך רונד אַרום נאַקן,
און דער ווינט האָט געשפּילט זיך מיט זיי.

איך דערמאָן זיך, און ווי מיר — געווען זענען פיל דאָרט,
מלאכימלעך לויטער און ריין.
זיי אַלע, אָן רחמים, פאַרצוקט און פאַרשטילט דאָרט,
פון חיות מיט הערצער פון שטיין.

איך קען מער ניט זינגען פון זון און פון שטערן,
פון לעבן, וואָס שיין איז און גוט —
אַ דור האָט געפלאַקערט אין בלוט און אין טרערן,
און ברענט נאָך, און זשאַרעט מיין בלוט.

כ'האָב געפּרוּווט

כ'האָב געפּרוּווט און געפּרוּווט, און עס פּלאָגט מיך,
און די מיִונג געוועזן איז אומזיסט,
צו ליבן אויך דעם, וואָס ער שלאָגט מיך,
און זיין שנאה איז פינצטער און וויסט.

כ'האָב אַריינגעקוקט טיף אין מיין האַרצן,
צו געפינען אַ פונק פון „איך ליב"
אויך דעם, וואָס געפאַרבט האָט אויף שוואַרצן
זיין זעל — און אים זאָגן „כ'פאַרגיב".

קען זיין, איך וואָלט אפשר פאַרגעבן
פאַר שלעכטס, ווען געטאָן נאָר צו מיר —
כ'האָב אַזוי שוין געטאָן אין מיין לעבן,
אין ווייטאָג און פיין אָן אַ שיעור.

צי קען איך פאַרגעבן איצט ווידער,
ווען הערצער — פאַרוואַנדלט אין שטיין?
ווען עס שרייען פאַרפייניקטע ברידער,
און קינדערלעך לויטער און ריין?

איך קען ניט, און וויל שוין ניט קענען!
מיין ליבשאַפט ווערט גאַל און ווערט סם.
כ'וועל אייביק שוין זען, ווי עס ברענען
די זיילן פון אוראַלטן שטאַם.

איך זינג ניט פון פריידן

ניט פון צעוויכערטע זוניקע פריידן
צעזינג איך זיך הילכיק אַ מאָל;
ניט, ווייל עס שמעלצן זיך אַנגסטן און ליידן,
צעברויזט זיך מיין האַרץ אויף אַ קול.

ניט, ווייל דער הימל קוקט גנעדיק אַרונטער,
ווערט ליכטיק אַ מאָל מיין געמיט;
ניט, ווייל די זון פאַרבט מיין בלוט מיט איר צונטער,
גייט אויף דעמאָלט זוניק מיין ליד.

איך זינג, ווייל איך וויל ניט דעם שונא באַלוינען
מיט מיין פּיין, וואָס אים איז אַזוי ליב.
איך זינג, און אין האַרצן עס כוואַליען געוויינען,
און מיין געמיט — אַזוי שווער, אַזוי טריב.

איך זינג אויך, ווייל לידער זיי צינדן אַן שטראַלן
פון אויפקום, פון אויפלעב, פון גליק;
איך זינג, ווייל נצחון איז מיט דעם, וואָס געפאַלן,
און הייבט זיך, און שטייט אויף צוריק...

קען זיין

קען זיין, אַז מיר האָבן גאָר צופיל געשוויגן,
קען זיין, אונדזער קול איז געווען צו שטיל,
קען זיין, אַז מיר האָבן גענוג ניט געשריגן,
ביים אָנזען פון בלוט און פון לייד אַזוי פיל.

קען זיין, אַז עס האָבן די ווערטער פון ליבע,
די ווערטער פון שיינקייט, פון גלויבן — ווער ווייסט —
אַליין אונדז פאַרכישופט אין שעהען אין טריבע,
אַליין אונדז פאַרשלעפערט מיט טרוימען פון טרייסט.

עס וועלקן נאָך זאַנגען... עס ברענען נאָך נעסטן,
עס וואָיען שאַקאַלן אין בלינדן געפעכט.
צי קען דען די ווונדן ווער ציילן און מעסטן? —
און מיר טרוימען ווידער אין שפּעטיקע נעכט...

כ׳האָב געזען אייך

כ׳האָב געזען אייך אַ מאָל אין דעם לעבן,
איצט זע איך אייך נאָר אין מיין חלום,
דערפאַר האָט מיין זעלע קיין רו ניט,
דערפאַר האָט מיין האַרץ ניט קיין שלום.

כ׳האָב געזען אייך אין לויטערע גאַסן,
כ׳האָב געזען אייך אין בלאָטיקער נידער;
דאָרט ברענען נאָך טריט פון מיין טאַטן,
דאָרט פלאַמען נאָך אָטעמס פון ברידער.

כ׳האָב געזען אייך אין הייזער און הייזקעס,
כ׳האָב געזען אייך אין סאַד און אין גאָרטן;
עס הענגען נאָך קינדערשע טרוימען
אויף צווייגן פאַרוויאַלעטע דאָרטן.

אָ, ברידער אין אַשן און רויכן,
אין פאַרווישטן פאַרשאָטענעם קבר!
ווי עס ווייטאָגט מיין האַרץ און נשמה,
ווי עס פיינט אין מיר יעטוועדער אבר!

איך וויל אַז מיין ליד

איך וויל אַז מיין ליד, ווען ס׳גייט אויף אין אַ תפילה,
זאָל קיין מאָל ניט זיין קיין געבעט פאַר מחילה;
איך וויל, אַז מיין אויג, צו דעם הימלס געוועבן
זאָל קיין מאָל ניט גלאַנצן מיט טרער פון פאַרגעבן.

זאָל בעסער דער פונק פון מיין בלינדן בטחון,
וואָס טליעט דורך דורות, אין צער און אין יאָכן,
און זשאַרעט מיין גלויבן מיט טראָץ און — געדולדיק,
זאָל ווערן דער פלאַם פון געשריי „איך באַשולדיק".

זאָל בעסער דאָס וואָרט פון פאַרדומפּענע גריבער,
זיך רייסן דורך פענצטער און טירן אין שטיבער;
און אייביק מיין ליד זאָל דערמאָנען און מאָנען,
ביי מענטשלעכע שוועלן, ביי געטלעכע טראָנען.

און אַז די וועגן זענען קרומע

און אַז די וועגן זענען קרומע,
און די טויבן — אַלע שטומע,
און אויף טירן — שלאָס און ריגל —
זאָל איך אויסטאָן מיינע פליגל?

און אַז עס יאָמערן די שטערן,
און פון טויען ווערן טרערן,
און עס בייזערט זיך דער הימל —
זאָל איך זוכן רו אין דרימל?

און אַז דער שטורעם ווערט דער שומר
פון די נעסטן אויף דיביימער,
און די פייגל איכה קלאָגן —
זאָל איך אַלץ פון הארץ פאַריאָגן?

און אַז די שליאַכן ווערן צאַמען,
און געצעלטן — ברענען, פלאַמען,
און די פעלדער דורשטיק וואַיען —
זאָל איך טרוימען אין די שעהען?

אָ, מיין גאָט! ווי קען מען שטומען,
ווען די וויכערס, בייזע, קומען,
און דער בוים ווערט איינגעבויגן,
און די שרעק קוקט פון די אויגן?

עפן דאָס טויער

עפן דאָס טויער, דאָס טויער פון רחמים,
וואָס הענגט אויף אַ שלאָס שוין אַזאַ לאַנגע צייט,
און לאָז אין דיין היכל אַריין די געבעטן,
וואָס טראָגן צו דיר זיך פון נאָענט און ווייט.

נידער אַראָפּ און צעעפן די טירן
פון הערצער, וואָס זענען אויף פרענטעם פאַרמאַכט,
און צינד אָן די פונקען, וואָס דו האָסט פאַרזייט דאָרט,
ווען שאַפן דעם מענטשן אַ מאָל האָסט פאַרטראַכט.

קום און צעפּראַל זיי, די מענטשלעכע אויגן,
וואָס זענען מיט זיבן וועלן פאַרשטעלט,
און זאָלן מיט זונשיין צעברויזן זיך בליקן,
אין ליבשאַפט און וווּנדער אין גאַס און געצעלט.

ריים אויף די לאָדנס פון שווערע נשמות,
ווו עס שלאָפן חלומות, וואָס דו האָסט פאַרפלאַנצט,
און אויפוואַכן זאָלן די חוני המעגלם
אין דיין געטלעכן וואָרט, אין דיין פּראַכט און דיין גלאַנץ.

אויגן פון בליי

(נאָך וואַטשעל לינדסיי)

זאָל דער חלום פון יונגע נשמות
ניט ווערן צערונען,
איידער עס ווערט פאַרשפּונען
דער שטאָלץ פון זייער געוואַך.
עס איז די זינד פון דער וועלט,
וואָס די אויגן פון אירע קינדער,
ווי די אויגן פון געשאָכטענע רינדער,
זענען פאַרגאָסן מיט בליי,
און זייער בליק איז פלאַך.
עס איז ניט, וואָס די אָרעמע הונגערן,
נאָר וואָס זיי טרוימען ניט דערביי;
עס איז ניט, וואָס זיי זייען אַ גאַנץ יאָר,
נאָר וואָס זיי שניידן ניט אין מאַי;
עס איז ניט, וואָס זיי דינען,
נאָר וואָס זיי דינען אָן אַ גאָט,
און אָן אַ סוף;
עס איז ניט, וואָס זיי שטאַרבן,
נאָר וואָס זיי שטאַרבן ווי די שאָף...

ס׳האָט געשנייט און געשנייט

ס׳האָט געשנייט און געשנייט, אָן אָן אויפהער, דורך דער נאַכט,
און מיין הויז אין אַ ווייסקייט איינגעהילט;
אַ סאַמעטענע פוכיקייט אין כשופדיקער פּראַכט
האָט מיט לויטערקייט מיין אומעט איינגעשטילט.

ס׳האָט געשנייט און געשנייט אָן אָן אָפּשטעל, אָן אַ סוף,
ביז געוואָרן זענען ברעמען מיינע פייכט.
די גאַנצע וועלט איז פול געוועזן מיט סטאַדעס ווייסע שאָף,
און מיין געמיט — אַזוי פליגלדיק און לייכט.

ס׳האָט געשנייט און געשנייט אָן אָן אויפהער דורך דער נאַכט
און דאָס האַרץ האָט שטיל געזונגען טיף אין מיר —
פאַר טאָג האָב איך דערזען, אַז איינגעפאַלן איז מיין דאַך,
און אַ פייגעלע — פאַרפראָרן ביי מיין טיר...

אַ פליגעלע

פלאָנטערט זיך אַ פליגעלע אין שפּינגעוועב —
אַ בייזער קוק פון ווייטן דאָרטן וואַכט.
באָדן זיך אין שטראַלן פעדעם זיידענע —
פאַראַן אין ליידן אויך אַן אויסטערלישע פּראַכט.

מאַטערט זיך דאָס פליגעלע אין שפּינגעוועב,
וויגט זיך אין אַ רעגן־בויגן־פאַרב.
זשומעט, ווי פאַרגאַנגען אין אַ הילפגעבעט —
אַ בייזער קוק פון ווייטן ענטפערט: שטאַרב!

ניטאָ שוין מער דאָס פליגעלע אין שפּינגעוועב —
אַ שערבעלע געבליבן אין דער מיט.
באָדן זיך אין שטראַלן פעדעם זיידענע,
און אַ פייגעלע פאַרגייט זיך אין אַ ליד...

איך הער אַ קול

איך הער, געטראָגן מיטן ווינט,
פון ערגעץ, אין געוויין, אַ קול —
איז דאָס אַן עכאָ פון דעם באַרג?
איז דאָס אַן אָפּקלאַנג פון דעם טאָל?

ווער זשע קלאָגט עס אין דעם ווינט?
ווער זשע שרייט עס אָט אַזוי?
איז דאָס אַ האַרץ אין צער און קלעם?
איז דאָס אַ ברוסט אין פּיין און ווי?

איז דאָס אַ מאַמע, וויסט און שטאַר?
איז דאָס, אין שרעק, אַן עלנט קינד?
צי גאָר דאָס קול פון צעל און קייט,
אויף פליגלען פון דעם בייזן ווינט?

און אפשר גאָר אַ היים אין פלאַם?
און אפשר גאָר אַ נעסט אין רויך?
און אפשר גאָר די וועלט אַליין:
די ערד, די לופט, דער הימל אויך?

הינטער שווערע טירן

פאַראַן אַ לאָמפּ, פאַראַן אַ קנויט,
ניטאָ נאָר ווער ס'זאָל צינדן —
ליגט דאָס ליכט הינטערן פּלויט,
ביז חושך וועט פאַרשווינדן.

פאַראַן אַ פעלד און זאָמען גרייט,
ניטאָ נאָר ווער זאָל זייען —
יאָמערט ניט־געבאַקן ברויט,
און בלויע טעג פאַרגייען.

פאַראַן אַ וועג, פאַראַן אַ דראַנג,
ניטאָ נאָר ווער ס'זאָל פירן —
ליגן שטערן אין געפאַנג,
הינטער שווערע טירן.

ווּ זענען די פייגל פאַרפלויגן?

ווּ זענען די פייגל פארפלויגן?
וואָס הערט מען ניט זייער געזאַנג?
דער יעגער, מיט פייל און מיט בויגן,
גייט מיט זיין הונט אויף געפאַנג.

ווּ זענען די בלומען פארשוווּנדן?
פאַר וואָס טראָגט זייער דופט ניט דער ווינט?
אין אַש, און אין רויך, און אין ווּנדן,
זיי בליען אויף קברים אַצינד.

ווּ זענען די שטראַלן באַגינען?
פאַר וואָס טונקלט אויף גאַס און אויף סקווער?
אין וואָלקנס פון חושך און שנאה,
עס לעשט זיך אויך קינדערשע טרער.

ווּ זענען די זוניקע יונגען?
פאַר וואָס ברויזט ניט אין לופט זייער פרייד?
זיי כוואַליען אין פלאַמיקע צונגען,
אין פלאַקער פון בלוט און פון טויט.

אין דיין נאָמען

אין דיין נאָמען, אין דיין נאָמען —
ווערט געזייט דער וויסטער זאָמען
פון אומזיסטע קריג-און-שנאה,
אויף די ברעטער פון דיין בינע,
און די בליטן, שטאַרק און זיכער,
שפּרייטן אוים זיך, ווי אַ וויכער,
ווי אַ ווילד-צעפלאַמטער פייער,
איבער וואַלד, און פעלד, און שייער,
און עס פלאַקערן געצעלטן,
און אין פלאַקער ברענען וועלטן —
אין דיין נאָמען.

אין דיין נאָמען, אין דיין נאָמען —
פון דיין „וואָרט" עס ווערן קראָמען,
פון דיין „אות" עס ווערט אַ האַנדל,
און דער מסחר, און דער וואַנדל,
מיט די פונקען פון דיין האַרצן,
ליגט אין מאַרק דאָרט. אין דעם שוואַרצן.
און מ'קען שוין, פאַר אַ גראָשן
קויפן אַלץ דאָרט: אי דיין לשון,
אי דיין ברכה, אי מחילה,
אין געבעט צו דיר ביי נעילה —
אין דיין נאָמען.

אין דיין נאָמען, אין דיין נאָמען —
ווערן אויפגעגבּרויזט די תּהומען,
און אויף ים, און שטאָט, און וועגן,
גייט אַראָפּ אַ רויטער רעגן,
און אויף שטיינער, היים ווי גלוטן,
דאָס געוויין פון מאַרך און בלוטן,
ווי דאָס וואָיען, ווי דאָס קלאָגן
פון קאָיאָטעס אין פּאַרטאָגן,
ווערט דאָרט שטענדיק נייגעבאָרן.
און אַזוי שוין כּמה יאָרן —
אין דיין נאָמען, אין דיין נאָמען.

באַלאַדן, פּאָעמעס און פֿאָלקסמאָטיוון

באַלאַדע פון אַלטן בוים

אין שאָטן פון בערג, מיט שפּיצן אין הימל,
ווייט פון אַ וועג, פון אַ שליאַך, פון אַ יישוב,
איז געשטאַנען זייט דורות, פאַרוויגט אין אַ דרימל,
אַ צעוואַקסענער, אוראַלטער בוים, ווי אַ כּישוף.

דער זקן, מיט אייביקע פריש־יונגע צווייגן,
האָט געשפּרייט זיך אין הויך, אין דער ברייט, און אַרונטער;
געגריסט זיך מיט ווינטן, וואָס קומען און שטייגן,
און געשאָטנט דעם טאָל דאָרט פון זוניקן צונטער.

פאַר טאָג אַרום בוים דאָרט זיך פלעגן צעזשומען,
אין פלאַטער, פיל מחנות פון גאָלדענע בינען;
פאַר נאַכט פלעגן פייגל פון מרחקים אַנקומען,
און שלאָפן אויף אים ביזן טיפן באַגינען.

אַ מאָל פלעגט פאַרבלאָנדזשען אַ וואָגלער אַ מידער,
אַ מאָל — צוויי צעשראָקענע הירשן געיאָגטע,
צו רוען און היילן פאַרמאַטערטע גלידער,
פון מענטש און פון חיה, מיט ווייטאָג געפּלאָגטע.

אַ מאָל דאָרט, פון יונגע צוויי הערצער צעשטראַלטע,
פלעגט אויפגיין אַ ליד, און געשטערט דאָרט פון קיינעם,
אין געזאַנג פון די שטערן, און הימלען צעפּראַלטע,
עם פלעגן זיך לעבנם דאָרט פלעכטן אין איינעם.

ווער ווייס וויפיל דורות דער בוים איז געשטאַנען,
ווי אויף פינצטערע ימען — אַ ליכטיקער טורעם;

מען ווייסט ניט פון וועמען, פון ווען, און פון וואַנען,
ווי גאָט וואָלט אַליין אים געפלאַנצט און געפורעמט.

✶

גאַנץ ווייט האָט די שטאָט, אין רעש פאַרשלונגען,
דורך נעפּלען און כמאַרעס, דורך שטויב און דורך רויכן,
מיט אייזערנע ריפּן און שטאָלענע לונגען,
זיך העכער און העכער געהויבן אין הויכן.

ווי הויך אָבער קען מען צום הימל דערלאַנגען?
מען וועט דאָך שוין באַלד דאָרט דערגרייכן די געטער.
און ענג איז געוואָרן, און גרוים די פאַרלאַנגען —
כאָטש הייב זיך אָן אָפּהאַלט, כאָטש קלעטער און קלעטער...

און עס האָט זיך גענומען די שטאָט אויסצושפּרייטן,
און אַלץ אַרום זיך, ווי אַ רויבער, פאַרנעמען:
אי לאַנקעס, אי זומפּן, אי סעדער, אי בייטן —
קיין שטח פאַרבויגן, קיין שטח פאַרשעמען.

ניטאָ מער קיין ביימער אַרום פון ציטרינען,
ניטאָ מער קיין קאַרשן, קיין ניס, און קיין באַרן,
קיין פלאַטער פון פייגל, קיין זשומען פון בינען,
ניטאָ מער די דופטן, וואָס לאָקן, פאַרנאַרן.

די שטאָט אַזוי ווייט ביז די בערג איז דערגאַנגען...
נאָר דאָ איז געוואָרן דער וועג אַ פאַרשטעלטער:
אַזוי ווי אין חלום, אין כישוף געפאַנגען,
עס שטייט דאָרט דער אוראַלטער בוים אַ צעהעלטער.

נאָר ווי לאַנג קען אַ חלום דעם העקער פאַרהאַלטן?
ווי לאַנג קען אַ כישוף די צייט ווו אָפּשטעלן? —
און ס'זענען די שטאָלענע שאַרפן צעשאַלטע,
באַפאַלן דעם בוים אין אַ טאָג אין אַ העלן.

דאָס האָבן דאָרט העק זיך ! סאַטאַניש צעלאָזן,
אַזוי ווי פאַרהונגערטע ווילדע שאַקאַלן.
די זון האָט געשיינט, ס'האָט אַ ווינטל געבלאָזן —
און דער אוראַלטער בוים מיט אַ קרעכץ איז געפאַלן.

✶

עס וויינען צעשראָקענע הירשן אין לויער,
עס וויינען די בערג דאָרט, אין בענקשאַפט דערנעבן,
עס וויינען די וואָגלער אין נאַכטיקן דויער —
עס וויינט גאָט אַליין, און די וועלט, און דאָס לעבן...

קומט אַ פויגל פון מרחקים

באַלאַדע

קומט אַ פויגל פון מרחקים,
נאָך אַ פּלי אַ מידן,
ברענגט ער גרוסן פון סמבטיון
און די „רויטע יידן".

הערט מען אויס דעם מידן פויגל
מיט אָפן מויל און אויגן,
וועגן טייך און לאַנד באַרימטן,
ווו ער איז געפלויגן.

קיינער וואַגט ניט דעם דערציילער
אָפּשטעלן אין מיטן,
ווי ער מאָלט דאָס לעבן דאָרטן,
פירונגען און זיטן:

געווען איז דאָרטן אַ גן־עדן
פאַר די „רויטע יידן" —
תורה פלעגן זיי דאָרט לערנען
און געווען צופרידן.

עס פלעגט דער טייך דאָרט, אויסער שבת,
שטענדיק וואַרפן שטיינער,
אום, צו שטערן דעם גן־עדן,
זאָל ניט קומען קיינער.

איצטער, ווי אַ מאָל, די שטיינער
וואַרפט דער טייך דאָרט ווידער,
און זיי טרעפן מער ניט פרעמדע,
נאָר אייגענע, די ברידער.

מ׳לערנט דאָרט ניט מער קיין תורה,
ווי מ׳פלעגט זייט דורות;
אויסגעלאָשן הענגען דאָרטן
אַלע אַלטע מנורות.

אַלטע לערער, פירער, דיכטער
זענען דאָרט פאַרשוווּנדן,
נייע קנויטן, נייע ליכטער
זענען אָנגעצונדן.

און די ליכטער ברענען טונקל,
ברענען מיד און מידער —
טאַפּט מען דאָרטן אין דער פינצטער,
און מ׳פאַלט אַנידער.

קיינער וואַגט ניט דאָרט די קנויטן
אַ דריי טאָן אויף די וועגן;
קיינער וואַגט ניט דאָרט די שאָטנס
שטעלן זיך אַנטקעגן.

און פּרוּווט אַ מאָל „אַ האַרץ פון אייזן"
דאָרט דעם חושך צוימען —
הייבן אָן גלייך ווילדע כוואַליעס
וויכערן און שוימען.

און פון הייסן בליי אַ רעגן
גלייך דאָרט טוט אַ נידער —
צינדן אָן זיך ערד און הימל,
און עס ברענען ברידער.

אָט אַזוי דערציילט דער פויגל,
מיט אַ קול אַ מידן,
פון דעם וווּנדערטייך סמבטיון
און די „רויטע יידן”.

הערט מען אוים דעם מידן פויגל
מיט פאַרטרערטע ברעמען.
הייבן בלוטן אָן צו זידן,
און דאָס האַרץ טוט קלעמען.

ביי דעם ברעג פון דיוואַ־דוימען*

ביי דעם ברעג פון דיוואַ־דוימען,
ווו די כוואַליעס לויטער שוימען,
און די בלוי־צעהעלטע הימלען,
ליגן אויסגעשפרייט און דרימלען —
וואַנדערט אום דאָרט אַ פרינצעסין
וואָס דער פרינץ האָט זי פאַרגעסן,
און אַוועק מיט פייל־און־בויגן,
ווו עס טראָגן נאָר די אויגן,
אום צו זוכן און צו פאַנגען
העלע טרוימען און געזאַנגען.

טאָג און נאַכט, מיט טראָט געשווינדן,
איינגעהילט אין בלויע ווינטן,
וואַנדערט אום דאָרט די פרינצעסין,
וואָס דער פרינץ האָט זי פאַרגעסן,
און זי רופט דאָרט, און זי רעדט דאָרט,
און זי תפילהט, און זי בעט דאָרט:
אָ, מיין פרינץ, מיין יונג, מיין צאַרטער!
קום, איך בין דיין טרוים געגאַרטער!
קום, איך בין דאָס ליד פון לידער,
וואָס דו זוכסט אַרום אַ מידער!
נאָר דאָס רופן, און דאָס בעטן,
און די שטילע רייד, וואָס גלעטן,
בלייבן הענגען אין די רוימען
אויף דעם ברעג פון דיוואַ־דוימען.

*) אַן אויסגוס פון אַ הייליקן טייך אין אינדיע.

אַלע נאַכט דאָרט קומען ווינטן,
און זיי זשאַרען, און זיי צינדן
אָן די לופט, מיט זייער וואָיען
אויף די פיין־געוועבטע שעהען,
אויף די נעכט פון ווי געשפונען,
און אויף טרוימען, וואָס צערונען.

אַלע נאַכט דאָרט קומען שטערן,
און זיי שושקען זיך און הערן,
ווי עס וויינט דאָרט די פּרינצעסין,
וואָס דער פּרינץ האָט זי פאַרגעסן,
און זיי ברענען, און זיי פלאַמען,
און זיי וויינען מיט צוזאַמען.

אין די שפּעטע, שפּעטע שעהען
ווען דער ווינט הערט אויף צו וואָיען,
און די שטערן זינגען ווידער,
קומט אַרויס דאָן פון דער נידער,
פון דעם טייך דאָרט, פון דעם טיפן,
שטיל אַ ים־פרוי, און עס טריפן,
און עס שפּרייט זיך אין דער לופטן,
רויזנצוויט און בלומען־דופטן.
און די כוואַליעס שטיל זיך וויגן,
און די ים־פרוי, מיט אַ ניגון,
רעדט און רופט צו דער פּרינצעסין,
וואָס דער פּרינץ האָט זי פאַרגעסן:
קום צו אונדז אין דיוואַ־דוימען,
ווו עס קוואַלן העלע טרוימען,
ווו עס ברויזן העלע פּראַכטן,
אין די מאָרגנס און פאַרנאַכטן,

קום — די לויטער־ווייסע שוימען,
פון דעם גוטן דיוואַ־דוימען,
וועלן ברענגען אַ נחמה
דיין צעפייניקטער נשמה.

ביי דעם ברעג פון דיוואַ־דוימען,
הענגען זון־געוועבטע טרוימען,
און עס וויבלען דאָרטן קלאַנגען,
פון „געזאַנג פון די געזאַנגען".
און די עלנטע פרינצעסין,
וואָס דער פרינץ האָט זי פאַרגעסן,
פלאַטערט אום אויף ווייסע שוימען,
פון דעם שטילן דיוואַ־דוימען,
און אַ צויבער־רעגן־בויגן
קושט איר די פאַרמאַכטע אויגן.

ביי דעם ברעג פון דיוואַ־דוימען,
ווו די כוואַליעס לויטער שוימען,
שפּרייזט דער פרינץ, וואָס האָט פאַרגעסן
אין זיין עלנטער פרינצעסין,
מיט זיין קאָפּ אַראָפּגעלאָזן.
און די ווינטן פייפן, בלאָזן,
און די כוואַליעס, שטילע, ברומען:
שפּעט געקומען... שפּעט געקומען...

ביי דעם ברעג פון דיוואַ־דוימען,
שוועבן אויסגעלאָשן טרוימען,
און אין רעש פון כוואַליעס הויכע,
אויף די זאַמדן דאָרטן ווייכע,

ליגט דער פּרינץ מיט שטאַרע אויגן,
און מיט אים זיין פייל־און־בויגן.
און די עלנטע פּרינצעסין
וואָס ער האָט אין איר פאַרגעסן,
אין אַ קלייד פון ווייסע שוימען,
קומט אַרויס פון דיוואַ־דוימען,
און אין טייכס צעוויגטן שפּיגל,
ווי אַ טויב אויף ווייסע פליגל,
פלאַטערט אום אין שטילן ציטער,
און אין פינקלדיקן גליטער
פון די ליכט־צעברויזטע שטערן,
וואַשט זיין קאָפּ מיט אירע טרערן...

די באַלאַדע פון דעם מידן העקער

ס׳גייט דער העקער אין וואַלד צום הונדערטן מאָל,
און גייענדיק הערט ער פון האַרצן אַ קול.
עס שפּילט זיך די זון מיטן שאַרף פון זיין האַק,
און עס קייקלט אַראָפּ זיך אַ טרער אויף זיין באַק.
דער העקער איז מיד, געבויגן און אַלט,
זוכט ער אַן אָפּרו אין צעוואַקסענעם וואַלד.
ער נוצט ניט די האַק מער, דאָך נעמט ער זי מיט —
אַ געוויינהייט אַזאַ... כאַטש, אין פאַרלאָרן געמיט,
ווען ער טוט זי אַ הויב, איז, איידער וואָס־ווען,
טרעפט דער שאַרף אים אַליין מיט אַ פלעם און אַ ברען...
נו, אַ מענטש האָט אַ פריינד, און ער דינט אים געטריי,
ווי קען מען זיך שיידן און גיין אים פאַרביי?...

עס באַגעגנט דער וואַלד אים פאַרכמורעט און בייז:
עס זינגט ניט קיין פויגל, ניט קליין און ניט גרויס,
וואָס זוכט ער? דאָס אַלטע פאַרגאַנגענע גליק?
דוכט זיך, ער הערט: גיי צוריק! גיי צוריק!...
נאָר דער העקער אין וואַלד גייט צום הונדערטן מאָל,
און גייענדיק הערט ער פון האַרצן אַ קול.
און ווידער דערזעט ער, ווי עס הענגט נאָך גאַנץ קלאָר
דער רויך פון צעצונדענעם רויטן קאַיאָר,
ווען עס האָט זיך די האַק, ווי צעיושעטער ווינט,
וואָס פאַלט אַן אַ ווילדער אויף מענטש און אויף רינד —
מיט וואָלפישן אָטעם זיך צעלאָזן אין וואַלד,
אָן רחמים אויף קיינעם: אויף יונג און אויף אַלט.

יעדן טאָג גייט דער העקער אַרוים אין דער פרי,
און לאָזט זיך אין וואַלד דאָרט אַראָפּ אויף די קני,
און בעט אַ פאַרגעבונג ביי פייגלשער היים,
ביי דעמב און ביי סאָסנע, ביי בלימל און בוים.
נאָר דער וואַלד איז, ווי שטענדיק, פאַרכמורעט און בייז:
עס זינגט ניט קיין פויגל, ניט קליין און ניט גרויס.
און דער העקער, ער בעט אַזוי לאַנג אויף די קני,
ביז עס טוט זיינע ברעמען די מידקייט אַ ברי,
דאַן לייגט ער זיך שלאָפן מיט דער האַק אין דער האַנט
און חלומט: דער וואַלד שטייט אין גאַנצן אין בראַנד.

און אַזוי יעדן טאָג — צי ס'איז היים, צי ס'איז קאַלט,
גייט דער העקער אין בייזן פאַרכמורעטן וואַלד.
ער גייט און עס ציטערט אַ טרער אויף זיין באַק,
און עס שפילט זיך די זון מיטן שאַרף פון זיין האַק.

העקער, נעם אָן מיין געבעט

העקער, נעם אָן מיין געבעט,
הייב ניט דיין האַק אויפן בוים —
געווען איז זיין שטאַם מיר אַ בעט,
געווען איז זיין שאָטן מיין היים.

אין יעדן פאַרטאָג און פאַרנאַכט
פלעגט קושן זיין גראָז מיינע טריט;
איבער מיר, ווי אַ פאַסטעך, געוואַכט
און געגלעט מיך מיט פייגלשן ליד.

מיט צווייגן, ווי הענט, אין דעם רוים,
געוויגט זיך אין תפילה צו גאָט;
מיט בלעטער געווייעט אין טרוים,
מיט הימלען — געזעגנט מיט גנאָד.

היינט איז ער טרוקן און מאַט,
זיין קאָרע צערונצלט און דאַר,
עס פאַלט פון אים בלאַט נאָך אַ בלאַט,
און הימל איז פינצטער און שטאַר.

ניטאָ שוין דער פויגל אויך היינט,
אַ דאַך ערגעץ ווו איז זיין היים.
אָ, העקער! איך בעט פאַר מיין פריינד:
הייב ניט דיין האַק אויפן בוים!

שטיינער

שטיינער —
זיי זענען פֿאַרפֿראָרענע טרערן פֿון דורות,
וואָס די ערד האָט מיט דורשט, און אין מבולם, געטרונקען.
זיי ליגן פֿאַראַנקערט אין ים פֿון מדבריות,
פֿון פֿייערס פֿון צייט — די פֿאַרלאָשענע פֿונקען.

שטיינער —
זיי זענען די אַלטע פֿאַרגליווערטע זיפֿצן,
געטראָגן אויף פֿליגלען פֿון צעוויכערטע ווינטן.
זיי זענען די בליצן פֿון עלנט און אומעט,
און עלנט און אומעט אין הערצער זיי צינדן.

שטיינער —
זיי קוקן צום הימל מיט בעטלערשע אויגן,
ווי בלינדע קאַיאַטעס און שטומע זשיראַפֿן.
זיי טרוימען פֿון חושך און וואַרפֿן אַן שרעקן,
ווי נעכט אין געוויטער, ווי פֿינצטערע האָפֿנס.

שטיינער —
זיי זענען געצעלטן פֿאַר שלאַנגען און שפּינען,
וואָס לויפֿן פֿון זון, און אין שאָטנס פֿאַרריגלט.
זיי זענען די היימען פֿאַר עלנטע פֿאַלקאַנס,
וואָס זיצן דאָרט אייביק און שפּרייטן די פֿליגל.

שטיינער —
זיי דעקן די גאַסן, און וועגן, און שלאַכן,

און ברענען די טריט פון פאַרמאַטערטע גייער.
זיי וואַשן די קעפּ אין צעבייזערטע שטראָמען,
וואָס פליִיצן אַראָפּ פונעם הימלשן טויער.

שטיינער —
זיי זענען די אייביקע זעלנער פון טרוימער,
אויף גאַסן און סקווערן אין בערג זיך פאַרקליבן.
זיי האַלטן די פאַרטן מיט קראַפּט פון טאָרנייִדאָ,
ביז וואָר ווערט צוריק אין זיין חלום פאַרטריבן...

שטיינער —
זיי זענען דער שטאָלצער צעפלאַטערטער עגאָ,
פאַרוואַנדלט אין קאַלטע געדענק־מאַנומענטן —
און עס יאָמערט דער צער אין פאַרלאָשענע אויגן,
און עס וואָיעט דער טרויער אין פּנים פאַרברענטן.

שטיינער —
זיי זענען די שוטים, די קלאָונען פון לעבן,
און חוזקן שטענדיק פון „ווען און פון וואַנען".
זיי האַלטן די אויגן געשטרעקט צו דעם הימל,
מיט טראַציקע בליקן, ווי בראַנקאַס אין שפּאַנען.

שטיינער —
זיי זענען פאַרשאָלטן צו אייביקן לעבן,
און אייביק זיי זענען פון קברים די היטער.
זיי פירן דעם פּנקס פון טעג, וואָס פאַרגאַנגען,
און ציילן פון דורות די טרערן אין ציטער.

שפּיינער —
זיי בויען אויף וועלטן, און רייסן פונאַנדער,
זיי קלאָגן פון אומעט, און, שטומע, זיי לאַכן,
זיי זענען די ריזן, די ריטערס פון לעבן,
זיי זענען דאָס ברוכוואַרג, די געטער, וואָס קראַכן.

שפּיינער —

הענט

איך דערמאָן זיך די שטראַליקע הענט פון מיין מאַמען.
אין פרייטאָג־צו־נאַכטסן, ביים בענטשן פון ליכט,
מיט אויגן פאַרמאַכטע אין שטילע געבעטן,
מיט שבת־רו־קדושה אויף ליכטיק געזיכט.

איך דערמאָן זיך די הענט פון מיין טאַטן פאַר נעילה,
געשפרייט אַזוי וואַרעם אויפן קאָפּ פון זיין קינד,
ווי פליגלען פון טויבן אין הימלשן פלאַטער,
מיט פליסטער פון ברכה, ווי געזאַנג פון דעם ווינט.

ווו זענען די הענט יענע לויטערע, ליבע,
וואָס האָבן אי ברכות, אי פריידן געזייט? —
גיי פרעג ביי די הענט, וואָס געקומען פון אָפּגרונט,
אויף כוואַליעס פון בלוט און אויף פליגל פון טויט...

דער קראַנקער בוים

קראַנק איז דער בוים — ס'איז צעפּרעסן זיין קאָרע,
ס'האָט צייט אים געשטראָפט אַזוי ביטער:
פאַרוואַנדלט זיין שטאַם אין אַ הייל, אין אַ נאָרע,
פאַר פעלדמייז אין צייט פון געוויטער.

עס ווייען צעוויכערטע צווייגן דערנעבן,
און הוליען, ווי קינדער, אָן זאָרגן;
עס זינגען דאָרט פייגל פון זון און פון לעבן,
אין בלוי און אין גאָלד פון פרימאָרגן.

קראַנק איז דער בוים, און עס קוקן מיט קנאה
די צווייגן די גרויע און דאַרע
אויף ביימעלעך יונגע און גרעזעלעך גרינע,
וואָס רינגלען אַרום, ווי אַ כמאַרע.

פיר בעטלערס

פיר בעטלערס, פיר בעטלערס ביים ראָג פון אַ גאַס,
אין היצן, אין קעלטן, סיי טרוקן, סיי נאַס,
זיי זיצן מיט דאַרע און ביינערנע הענט,
מיט אויגן צעגליטע צו הימלען געווענדט.

פיר ווינקלען, פיר פלעצער פאַרמאָגט יענע גאַס,
די בעטלערס דאָך — יעדער, מיט פינצטערן האַס,
וויל דווקא דעם ווינקל, פאַרנומען וואָס איז,
און האַרץ איז אַ מעסער, און בליק איז אַ שפּיז.

פיר בעטלערס, פיר בעטלערס אין ביטערער נויט,
זיי זוכן, אין שנאה, אויך בעטלערשן ברויט.
און ס׳גייען דאָרט מענטשן פאַרביי יענעם פלאַץ,
און קיינער עס טראָגט ניט די הילף „אויף אַ טאַץ".

אין ווינט האָט געפלאַטערט אַ קינדיש געוויין,
אַ קראָ אויף אַ דאַך האָט געקראַקעט געמיין,
און איך בין פאַרביי דאָרט, געהערט און געזען —
און אַ ציטער געטאָן האָט מיין האַרץ און מיין פען...

זיין

אַ מאָל — און עס ווערט דיר די נאַכט אַזוי שווער,
עס פּרעסט דיין געמיט ביז אַ זיפץ, ביז אַ טרער:
דו זיצסט ביי דעם פענצטער, די אויגן צעפּראַלט
און פּלוצלונג: אַ שטערן צעבליצט זיך און פאַלט.
דו גאַפסט, און דו זעסט, ווי, דערנאָך, אַן אַ צאָל,
עס צעפינקלען זיך שטערן אויף באַרג און אויף טאָל —
דערפילסטו אין זיך אַזאַ זעלטענע פרייד,
אין דיין האַרץ און דיין אויג ווערן טרוימען פאַרזייט,
און לייכט ווערט די נאַכט דיר, און ליכטיק, און קלאָר,
און ערגעץ צעזינגט זיך אַ פייגלשער כאָר.

אַ מאָל — און דו וואַנדערסט פאַרלאָרן, אַליין,
און עס גייט אין דיין האַרץ אויף אַ שטילער געוויין —
דערזעסטו, אין וואַנדער, פון אַ באַרגיקן קאָפּ
אַ וואַסער־שטראָם יאָגט זיך מיט אימפּעט אַראָפּ,
און ס׳טראָגט זיך מיט שטורעם אַן אייביקער שוים,
אָן אָנהייב, אָן ענדע, דורך צייט און דורך רוים.
בלייבסט שטיין, ווי פאַרכישופט, פאַרזונקען אין זין
פון אייביקע סודות: „פון וואַנען — וווּהין״;
און עס ווערט דיר צעפליגלט דיין בליק און דיין טראָט,
און דו הייבסט אויף דיין קול אין אַ תפילה צו גאָט.

אַ מאָל — און אַ יאוש נעמט דורך דיין געביין,
און אַ ביטערער צווייפל פאַלט שווער ווי אַ שטיין.
דערזעסטו דאַן פּלוצלונג: אַ חיהלע שפּרינגט,
אַ פליגעלע ערגעץ־ווּו זשומעט און זינגט,

און עס פלאַטערט אַ גאָלדענע בין דיר פאַרביי,
און זינגט אוים אַן אָדע צו זון און צו מאַי —
צעברויזט זיך דיין האַרץ אין אַ ברוסטיק געזאַנג,
צעברענט זיך ביי דיר אין נשמה אַ דראַנג
צו גלויבן, צו וואַרטן, צו האָפן אין שיין,
און לעבן, און לעבן, און לעבן, און זיין...

איך שעם זיך

איך געדענק יענע נאַכט פון גרויסע יסורים,
ווען מיין אָטעם געווען איז אַ בראַנד,
און מיין קאָפּ האָט געוויכערט פון ווייטאָג אַ שטורעם
און געשרפעט מיין אויג און פאַרשטאַנד.

האַרט ביי מיין בעט איז אַ ווייסקייט געשטאַנען
און געפלאַטערט אַרום ווי אַ טויב;
מיין האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי די רעדער פון באַנען,
אויף ליניעס באַדעקטע מיט שטויב.

אַן אויפשריפּט אַריבער דער טיר דער פאַרמאַכטער
„קיין באַזוכערס" הויך האָט גערעדט:
— ווער ביסטו, וואָס קומסט דורך דער טיר דער באַוואַכטער?
ווער ביסטו, וואָס שטייסט ביי מיין בעט?

ס'האָט געענטפערט אַ קול מיר פון ווייטאָג פאַרצערטן:
— איך בין דאָך דיין חבר און פריינד.
איך קום, ווען דאָס לעבן האָט מער ניט קיין ווערטן,
כ'וועל ברענגען דיר שלום נאָך היינט...

איך האָב זיך צעוויינט, צעוויינט אין יסורים,
און דאַנקבאַר געקוקט אויפן גאַסט;
צעוויינט זיך מיט פרייד, וואָס אַוועק וועט דער שטורעם.
און רו וועט פאַרבייטן די לאַסט...

— — — — — — — —

איצט שעם איך זיך, וואָס, ווען אין ווייען געשוווּמען,
און מיט אויגן צעשרפעט און בלינד,

כ׳האָב פריידיק באַגעגנט דעם גאַסט וואָס געקומען —
איך שעם זיך, איך שעם זיך אַצינד!

איך שעם זיך, וואָס כ׳האָב דאָן געזוכט און געוואַרט שוין
צו אַלץ זאָל באַלד נעמען אַ סוף;
איך שעם זיך, וואָס ס׳האָט מיר דאָן גאָרניט געאַרט שוין,
איך שעם זיך — און דאָס איז מיין שטראָף.

דעם 24סטן מאַי 1967, פּרעסב. שפּיטאָל, וועך־זיים, קאַל.

גיב מיר די ליבשאַפט

(דאָס געבעט פון געפּלאָגטן, אין שעה פון דערהייבונג)

דאָס האַרץ אין מיר פיבערט, די ברוסט אין מיר בלוטיקט;
ס'האָט מזל מיר איובדיק וווּנדן פאַרטיילט.
איך וויל ניט קיין רחמים, איך בעט קיין רחמנות,
איך וויל נאָר די ליבשאַפט, די ליבשאַפט, וואָס היילט.

מיין טראָט איז מיר בלייַיִק, מיין אויג איז מיר טונקל;
מיין קערפּער צעפּיינט איז, ווי אונטער אַ ראָד.
איך וויל ניט קיין רחמים, נאָר עפן דעם טויער,
דעם גאָלדענעם טויער פון ליבשאַפט און גנאָד.

איך ווייס, אַז די ליבשאַפט קען אויכעט פאַרצערן,
זי ברענגט אָבער פליגל צו האַרץ און צו פיס;
איך ווייס, אַז די ליבשאַפט קען ברענגען אויך טרערן,
און טרערן פון ליבשאַפט — ווי זיס! אָ, ווי זיס!

דאָס בלוט אין מיר לעשט זיך; מיין וואָרט איז פאַרגליווערט,
מיין צונג איז צום גומען, מיין ליפּ אויף אַ שלאָס —
איך וויל ניט קיין רחמים, איך בעט קיין רחמנות,
נאָר טראָפּנס פון ליבשאַפט אין ביטערן כוס.

ווער וועט מיר בויען מיין היים

(פאָלקסמאָטיוו)

ווער וועט מיר בויען מיין היים?
ווער וועט מיר בויען מיין היים? —
ס'וועט קומען די ליבע און בויען מיין היים,
און פלאַנצן ביים פענצטער אַ סאָסנאָוון בוים,
פאָר פויגל, ווי איך, אזוי עלנט און מיד,
צו קומען, און רוען, און זינגען אַ ליד.

ווער וועט מיר היטן מיין טיר?
ווער וועט מיר היטן מיין טיר? —
ס'וועט קומען די רו און וועט היטן מיין טיר,
מיט גאָלדענע פרענטעס און זיידענע שניר,
און זייען אויף ברעמען דעם חלום פון קינד,
וואָס הערט, ווי עס שפּילט אויף אַ האַרפע דער ווינט.

ווער וועט מיר פארבן מיין שוועל?
ווער וועט מיר פארבן מיין שוועל? —
ס'וועט קומען די בענקשאַפט און פארבן מיין שוועל
מיט זון און מיט שטערן, מיט הארץ און מיט זעל,
און אָנצינדן ליכט, צו באַלייכטן דעם וועג
פון פארשוווּנדענע יאָרן, און וואָכן, און טעג.

זינגען פייגעלעך צוזאַמען

(פאָלקסמאָטיוו)

זינגען פייגעלעך צוזאַמען
אויף אַן אַלטן דאָרן —
ווי די כוואַליעס אויף די ימען,
לויפן מיינע יאָרן.

זיץ איך, אָפן איז דאָס פענצטער,
חלום איך און דרימל:
ס'וועט מיין חתן זיין דער שענצטער
ווי די זון אין הימל.

זענען בלאַסע מיינע ליפּן,
גרויע מיינע ברעמען —
האָט מיין חתן זיבן זיפן,
טוט ער מיך פאַרשעמען.

וויינען ווינטן אין מיין קוימען,
וויינען זיי אָן אויפהער —
בליאַקעט אַפּ אַזוי מיין לעבן,
ווי אַן אַלטער ספר.

שפיל איך אַ ליד אויף דער פּלייט

(פאָלקסמאָטיוו)

שיין איז די נאַכט, און שיין איז דאָס מיידל —
שפּיל איך אַ ליד אויף דער פּלייט.
פינקלען צוויי אויגן, ווי ליכטיקע שטערן,
הענגען אויף ברעמען, ווי פּערל, צוויי טרערן —
צעברויזט זיך אין האַרץ אַזאַ פרייד,
שפּיל איך אַ ליד אויף דער פּלייט.

פריש איז די נאַכט, און פריש איז דאָס מיידל —
שפּיל איך אַ ליד אויף דער פּלייט.
פריש, און נאָך פרישער פון צווייט פון ציטראָנען,
אימפּעט פון ווייכער, געאייל פון ציקלאָנען —
צינדט זיך אין בלוט אַזאַ פרייד —
שפּיל איך אַ ליד אויף דער פּלייט.

שטיל איז די נאַכט, און שטיל איז דאָס מיידל —
שפּיל איך אַ ליד אויף דער פּלייט.
שטיל — אַ פאַרכישופטע יונגע פּרינצעסין.
אַלץ איז אַ חלום, אַלץ איז פאַרגעסן —
לעשט זיך אין הערצן די פרייד —
שפּיל איך אַ ליד אויף דער פּלייט.

איך וואָלט וועלן זיין אַ טויב

(פאָלקסמאָטיוו)

איך וואָלט וועלן זיין אַ טויב,
אַ טויב מיט ווייסע פליגל,
און וואָרקען צו דעם קינד אין שויב,
וואָס חלומט אין זיין וויגל,
און אויף פליגל, לויטער־ווייס,
איבער לענדער פליען,
און ברענגען יעדן גוטע נייס,
און מאַכן אויגן גליען.

איך וואָלט וועלן זיין אַ בין,
און פלאַטערן און זשומען,
אין דעם ליכטיקן באַגין,
אויף זאַנגען און אויף בלומען,
און פון נעקטאַר, אָן אַ מאָס,
פורעמען און וועבן
זוניק־גאָלד אַ פולן כוס,
און מאַכן זיס דאָס לעבן.

איך וואָלט וועלן זיין אַ שטראַל,
אַ שטראַל אין די פאַרטאָגן,
און ווי דעם דורשט — אַ מדבר־קוואַל —
פינצטערניש פאַריאָגן,

און יעדן חושכן געצעלט,
מיט לויטער ליכט באַקליידן,
און ברענגען פאַר דער גאַנצער וועלט
געזונט, און גליק, און פריידן.

יום-טוב

(ראש־השנה, 1968)

זאָל זיין יום-טוב! זאָל זיין פרייד!
זינגען זאָל דאָס לעבן!
פאַר דער שפע, פאַר דעם ברויט,
וואָס גאָט האָט אונדז געגעבן.

זאָל זיין יום טוב! זאָל זיין גליק!
ברויזן זאָלן לידער,
פאַר דעם וווּנדער — פאַר דעם זיג
איבער שונאים ווידער.

מיר האָבן זיי גאַר אַן אַ שיעור,
וואָס אונדז פאַרניכטן האָפן,
און מיר — מיר האַלטן ברייט די טיר
פאַר פריינדשאַפט שטענדיק אָפן.

מיר האָבן אויך פיל וויי און פיין,
און טרויער אויך, און טרערן;
מיר האָבן אויכעט זונען-שיין,
און יוגנטברויז, און שטערן.

איז — זאָל זיין יום-טוב! זאָל זיין פרייד!
און זאָל געזאַנג פון מאַי
זיין אין יעדן הארץ פאַרזייט —
עם ישראל חי!

האַדעסקע

האַדעסקע פון ראַזשינוי

אַ סך ליכטיקע פרויען־געשטאַלטן האָט דאָס יידישע שטעטל אַרויסגעגעבן. איינע פון די ליכטיקסטע איז געווען האַדעס פון ראַזשינוי. וועגן האַדעסן האָט מען אַ סך געשריבן. זי, און אירע מעשים, זענען שוין לאַנג געוואָרן אַ לעגענדע. אינספּירירט צו שרייבן די פּאָעמע האָט מיך מיין פאָטער ז״ל, װאָס האָט געהאַט אַ סך וועגן איר צו דערציילן. מיין פאָטער איז געווען אַ ראַזשינויער. ער האָט יונג פאַרלאָרן זיינע עלטערן, און ער, צוזאַמען מיט נאָך יתומים, האָט זיך ביי האַדעסקען געהאָדעוועט. קען זיין, אַז מיר האָט זיך ניט איינגעגעבן, ווי איך האָב געוואָלט, אַרויסצוברענגען און אַנטפּלעקן דאָס גאָלדן האַרץ פון אָט דער מערקווירדיקער פרוי. דאָס ביסל, וואָס איך האָב פאַרצייכנט און אַריינגענומען אין מיין פּאָעמע, איז נאָר אַ קליינער טייל פון דעם, וואָס מיין פאָטער פלעגט וועגן איר דערציילן.

1

אַ יידישע מאַמע

דורך נעפּלען פון צער און דורך וואָלקנס פון טרויער,
אין חושך פון אומעט און פינצטער געמיט,
איך זע דיין געשטאַלט, אין זיין ליכטיקן דויער,
איך פאַרנעם פון דיין זעלע דאָס אייביקע ליד.

אין וויכער פון סאַמיקן אָטעם פון שונאים,
אין שוים פון צעכוואַליעטע ימען פון פיין,
עס טונקלען זיך שטערן אין ליכט פון דיין פנים,
עס בייגט זיך די זון צו דיין זעלטענער שיין.

אָ, האָדעסקע, טייערע יידישע מאַמע!
ווען איך טראַכט וועגן דיר, צעברויזט זיך מיין טרוים
פון פעלקער, וואָס לעבן ווי ברידער צוזאַמען,
פון לענדער — איין ליכטיקע גליקלעכע הוים.

2

הכנסת כלה

ביטער איז דאָס לעבן פון אַ מיידל „אין די יאָרן"
ווער זאָגט נאָך, ווען דאָס מיידל איז דערצו נאָך אַ יתומה,
איידער אַזאַ לעבן איז שוין בעסער ניט געבאָרן,
אין שטעטל איר מערכה — ווי אַן אַלטע שיימע.

די אָרעמקייט אין שטעטל רייסט זיך צו די הימלען,
און מיידלעך דאָ אַ סך, וואָס זענען שוין „פאַרזעסן";
און האָט ווער קיין נדן ניט — די חתנים דרימלען,
ווי גאָט ברוך הוא אַליין וואָלט גאָר אָן איר פאַרגעסן.

און עס גייט אויס האָדעס' הארץ אין שטעטל צו זיי אַלע:
וויי און ווינד געשריגן! אַן אַלטע מויד ביי יידן!
איז דאָ אַ מצווה גרעסער פון הכנסת כלה? —
און האָדעס קנאַקט די פינגער, און האָדעס' בלוט טוט זידן.

אָרום איר קלייד די קניפּלעך — איינער ווערט דער גרעסטער,
פאַר די מיידלעכס ווענן, און „מירצעשעם", דער בורא —
ער'ט צושיקן אַ זיווג, און ס'וועט נאָך זיין דער בעסטער,
עס קומען דאָך אין שטעטל בחורים לערנען תורה...

און איינע נאָך דער צווייטער צו דער חופּה גייען,
האָדעס איז די מאַמע, און זי פירט זיי אונטער,
עס שפּילן די כלי זמרים — טומל און געשרייען —
אַלע זענען פריידיק, אַלע זענען מונטער.

נאָר פריידיקער פון יעדן, און מונטערער פון אַלע,
איז האָדעס מיט די קניפּלעך, ווי אַ בייט מיט זאַנגען:
אויסגעפּירט אַ שידוך, און — הכנסת כלה!
און האָדעס האַרץ און אויגן ברויזן מיט געזאַנגען.

פאַראַן ניט ווייניק מיידלעך, וואָס מוזן נעבעך וואַרטן,
און האָדעסקע, זי רוט ניט, און טוט עס מיט ענִיוות;
זי ווייס, אַז גאָט וועט שיקן צו יעדער איר געגאַרטן,
דערווייל נדן געקליבן, פאַרבאָרגן און מיט חשיבות.

און אָט אַזוי אין שטעטל, שוין פון כמה יאָרן,
יעדעס אַלטע מיידל ווערט מיט דער צייט אַ כלה,
און שפּעטער, ווען עס ווערן קינדערלעך געבאָרן —
אייניקלעך זיי זענען האָדעסקעס דאָרט אַלע.

3

האָדעס פּאַסט

דער טאָג איז געווען דאָן אַ מילדער, אַ ליבער,
דער ווינט האָט געזונגען מיט פרישקייט און פרייד,
און דעמאָלט האָט האָדעס באַזוכט „אירע שטיבער",
און געטיילט פון די „קניפּלעך" צו די, וואָס אין נויט.

פון הייזקע צו הייזקע, אויף צעבראָכענע שוועלן,
געשלעפּט זיך, מיט מידקייט אין גאַנצן געביין,
נאָר ווער פילט דען מידקייט, ווען אויגן זיי העלן,
אין הערצער פיל ברכות, מיט דאַנקבאַר געוויין.

פלוצלונג בלייבט האָדעסקע שטיין אַ געפּלעפטע,
און ס׳באַווייזט זיך אַ שווייס אויף איר פּנים און שרעק:
דאָס קניפּל דאָס לעצטע — אַ דונער עס טרעפט איר -
עס פעלט אוים אין קניפּל אַ גאַנצער פאַרמעג.

עס פעלן דריי רובל, און אפשר נאָך מערער,
און האָדעס אין אַנגסטן, דעם שטערן זי ווישט;
ניט אַנדערש די אַרבעט פון שטן דעם שטערער!
ווער ווייס, אפשר אייגענע געלטער פאַרמישט...

שטייט זי, די אָרעמע האָדעס, אין פּלאָגן —
געלט פון אביונים... און עס גיט איר קיין רו.
אָן אָטעם זי לויפט צו דעם רב — זאָל ער זאָגן
דער הייליקער רבי, וואָס טוט מען דערצו.

אַך, האָדעס, דו ביסט, ווי אַ קינד, וואָס איז זייגיק,
און זייגעדיק טוט עס אַ בים אין דער ברוסט —
אויב דו האָסט גענומען, איז געווען דאָך בשוגג,
דיין אָפּהיטן יענעמס — איז יעדן באַוווּסט.

אויב עס פעלן דריי רובל, איז גיב זיי כּפלים,
ס'וועט גאָט דיר פאַרגעבן, אויך די וואָס אין נויט,
און זאָרג ניט, מיין טאָכטער! און זאָל זיין לחיים!
און זאָל זיין ביי יידן נאָר שמחות און פרייד!

שטייט האָדעסקע, נעבעך, צעפּייניקט פון זאָרגן:
עס פעלן דריי רובל... ווער ווייס, אפשר מער...
און לויטער און קלאָר, ווי דער טוי אין פרימאָרגן,
צעגלאַנצט זיך אויף האָדעסקעס ברעמען אַ טרער.

אָפּגעווישט פלוצלונג די טרער פון די ברעמען,
און האָפּערדיק — פריידיק ווערט האָדעס געמיט:
אַ תשובה! אַ תשובה אויף זיך וועט זי נעמען!
זי'ט פאַסטן! — אַ תענית פאַר אַלץ דאָך פאַרגיט...

און אַזוי איז פאַרצייכנט אין פּנקס אין אַלטן,
אַ מעשה שהיה אין האָדעסקעס גאַנג.
און אַזוי האָט זי, האָדעס, גאַנץ שטיל און באַהאַלטן,
געפאַסט דאָרט תעניתים איר גאַנץ לעבן לאַנג.

4

דער יאַריד

וואָס איילן זיך יידן אין שטעטל? פאַר וואָס אַזאַ שמייען?
וואָס יאָגט מען זיך דאָרטן פאַרשוויצטע, אין ווינטן די פּאָלעס?
צי קומט היינט צו רייטן משיח דאָס פאָלק צו באַפרייען
און עס איילן זיך יידן דערפאַר צו פאַרלאָזן דעם גלות?

ס'איז היינט אַ יאַריד, און דערפאַר איז דאָס שמייען אַצינדער,
געוואָרט שוין חדשים און וואָכן — פּרנסה אַן ענין;
דערפאַר איז דאָס חדר פאַרשלאָסן — אַ יום־טוב פאַר קינדער,
דערפאַר זענען שולן געפּאַקט היינט ביים פריאיקן מנין.

עס האָט נאָך די זון ניט באַוויזן איר מאָרגן־גרוס שפּרייטן,
און קראָמען און קרעמלעך אין מאַרקפּלאַץ, זיי זענען שוין אָפן;
די וואָגנס מיט סחורה צעשטעלט שוין, איינס נעבן צווייטן,
און עס פאָרען זיך יידן אַרום דאָרטן, און וואַרטן, און האָפן.

שפּעטער ווערט פול דאָרט די לופט מיט אַ טומל צום הימל:
אַ ברייען פון פערד און בהמות, און הענערשער קרייען,
מיט קולות פון מענער פאַרסאַפּעט, אין חלום, אין דרימל,
געמישט מיט צעצונדענע קללות און שיכור־געשרייען.

— — — — — — — — — — — —

עס איילט זיך אויך האַדעסקע דאָרטן, נאָר ניט, ווי די יידן,
וואָס „מאָלן ווי מילן" דאָס דאַוונען, און גאָר אַן אַ בושה.
עס גייען ניט אָן איר קיין סחורה, קיין מערק, קיין יארידן —
זי איילט זיך פאַר טאָג אין די קלויזן, צו כאַפּן אַ קדושה.

שפעטער — דער יאריד האט געשטעלט זיך — איר קראם איז ניט אפן:
זי זיצט גאר ביים צאינה-וראינה מיט אויגן פארטראכטע;
איר קראם איז געפאקט, און פארוואָרפן מיט אלערליי שטאפן.
פאר וואס זשע איז זי אין יאריד היינט די איינציק פארמאכטע?

דאס ווייסן די קינדער פון שטעטל, מיט הייזלעך צעריסן;
דאס ווייסן יתומות, וואס דארפן פון לאנג שוין א קליידל;
דאס ווייסן משפחות אין נויט, וואס פון איר זיי געניסן;
דאס ווייס אויך אין דארף יעדעס אָרעמע גוייִשע מיידל.

גיי עפן די קראם, און די סחורה וועט באלד דאך ניט קלעקן!
מען וועט דאך, אזוי ווי די פליגן, באפאלן די שטאפן!
צי קען מען אין קראם, וואס איז אָפן, היינט עפעס פארדעקן?
איז וואס זשע וועט בלייבן פאר יענע, וואס ווארטן און האפן?

איז בעסער די קראם זאל שוין בלייבן דארט היינט א פארמאכטע;
איז בעסער אין מערק און יארידן פארגעסן אין גאנצן.
זיצט האדעס ביים צאינה-וראינה, א שטילע, פארטראכטע,
און עס שיינען די ליכטיקע אויגן, און שטראליק זיי גלאנצן.

5

זונטיק

דאָס קלינגען פון גלאָק אין קופּאָלע פון קלויסטער,
צעטרייסלט פרימאָרגן די לופט פונעם שטעטל;
ערגעץ צעברילט זיך אַ הונט אין אַ וואָרנונג;
ערגעץ צעוויינט זיך אַ קינד אין אַ בעטל.

פאַלט אויף די יידישע הערצער אַן אימה
פון ווייטע, פאַרדומפּענע נאָנעם געזאַנגען —
געבעטן, וואָס וועקן־אויף אייביקן ציטער,
מיט אוראַלטע, שטומע, פאַרבאַרגענע קלאַנגען.

נאָר האַדעסקע איינע, זי וויים ניט פון שרעקן:
געדונגען אַ פור, און די פור ווערט געלאָדן
מיט האַלקעס און קליידלעך און אַלערליי שטאָפן,
און אויך ניט פאַרגעסן צו נעמען דעם פלאָדן.

עס פירט זי דער וועג צו אַ דאָרף אין דערנעבן,
וווּ עס באַגעגנט זי הילכיק אַ מעקען פון ציגן,
אויך אַ פריינדלעכער טרייסלען פון כלבימשע עקן,
און ס׳גייט אויף אין איר האַרץ אַ יידישער ניגון.

אין דאָרף באַלד זי לאָזט זיך פון כאַטע צו כאַטע,
און הייבט אָן צו אָרעמע גויעם פאַרטיילן
פון פור, און פון קניפּלעך, באַזונדער געקליבן,
פון מענטשלעכע אויגן פאַרבאָרגן, פאַרהוילן.

און פויערשע קינדער דאָרט הינטער די טירן,
זיי גאַפּן און וואַרפן גנבישע בליקן,
זיי טרייסלען מיט זייערע פלאַקסענע קעפּלעך,
און פּרוּוון צעברויזטע געלעכטערס דערשטיקן.

פאַר זיי האָט אויך האָדעסקע פיינע מתנות:
כלערליי שמירעכטסן, טאָרטן און קיכלעך,
פאַפּירענע שפּילצייג און שמאַטענע לאַלקעס,
און אויך, ווו ניט ווו, אַ פּאָר זאָקן און שיכלעך.

פאַר מנחה פאָרט האָדעס צוריק אינעם שטעטל.
ס׳באַגלייט איר פון וויטן דאָס מעקען פון ציגן,
און דאַנקבאַרע בליקן פון אָרעמע גויעס —
ס׳גייט אויף אין איר ווידער אַ יידישער ניגון.

6

האָדעס גייט מיט אַ טענה צום רב

ווי גוט, און ווי זיס איז דער הייליקער יאָר,
וואָס גאָט האָט געלייגט אויף זיין פאָלק פון אַמאָל,
זיין יעטוועדע מצווה מאַכט שבת פון וואָך,
זיין יעדער פאַרזאָג ניט פרייד אָן אַ צאָל.

נאָר האָדעסקע — איין זאַך, זי קען ניט פאַרשטיין,
פאַר וואָס אַלע מצוות געגעבן דעם מאַן:
פאַר אים פון מצוות אַ קראַנץ און אַ קרוין,
און פאַר איר כמעט איז גאָרניט פאַראַן.

און האָדעסקע גייט מיט אַ טענה צום רב,
דער הייליקער רבי זאָל מאַכן איר קלאָר:
צי איז ניט די פרוי אויך אַ טייל פון גאָטס שאַף,
איז איר ליבשאַפט צו אים דען געמינערט אַ האָר?

שמייכלט דער רב, אין זיין גרייזגרויער באָרד:
האָדעסקע, טאָכטער, דו האָסט שוין גענוג!
דאָרט, ווו דו שטייסט, ווערט דאָך הייליק דאָס אָרט,
ווייל פול איז מיט גאָלדענע מעשים דיין קרוג.

און עס פאַרזיכערט דער רב און פאַרטרויט איר אַ סוד,
און ס'צעגלאַנצט זיך זיין אויג מיט אַ ליכטיקער פרייד:
ס'האָט גאָט, ברוך הוא, דאָרט אין זיין הימלשן גנאָד,
גאַנצענע וועלטן פאַר דיר אָנגעגרייט.

קרימט זי זיך, האדעסקע: וועלטן — צו וואס?
איז דאס מיין פארלאנג דען? איז דאס מיין באגער?
וואס וועל איך טאן מיט זיי? נו, א פארדראס!
איך דארף ניט קיין וועלטן, כ׳וויל מצוות וואס מער.

און האדעסקע מורמלט: ס׳איז אפשר א גליק...
און אפשר, אט דאס, וואס איך זאג, איז א זינד:
איך גיב אלע וועלטן פאר איין יתומס א בליק,
איך גיב אלע וועלטן פאר איין קוש פון א קינד!

און פאר דער ברכה, וואס שטראלט פון א דאנקבאר געזיכט,
און פאר אן ארעמער כלהס א פריידיקער טרער,
פארן דאנק פון א גויע אין צעריסענע שיך —
איך גיב אלע וועלטן, וואס דארף איך דען מער?!

צעפלאטערט דאס הארץ זיך פון רב אין דער שטיל,
קוקט ער אויף איר מיט א ליכטיקער פרייד:
געבענטשט זאל זי זיין, פאר איר ווונטש, פאר איר ציל,
ס׳איז הייליק דאס ארט טאקע דארט, ווו זי שטייט...

7

פרייטיק

די לופּט אינעם שטעטל שמעקט שוין מיט טשאָלנט און מיט חלה
די שטיבער אויסגעפּוצט, און אויסגעבעט מיט זאַמד.
מען דאַרף דאָך היינט באַגעגענען דער וווּנדערלעכער כלה,
איז אַ געאייל אין שטעטל, און מען רייניקט, און מען ראַמט.

גאַנץ פרי נאָך, און עס זענען אויף די פיס שוין אַלע יידן.
מען שמייעט און מען האָוועט — אַ גאַסט קומט היינט ביי נאַכט —
די פּרינצעסין שבת, וואָס ברענגט אַזוי פיל פרידן,
און רו און אויך געזאַנגען אין אויסטערלישער פּראַכט.

אין מרחץ היינט עס וואַשן זיך די מענער און די ווייבער,
(פאַרשטייט זיך, גאָר באַזונדער), דער הייסער בעזעם קנאַקט —
מען פּאַרעט זיך די גופים און מען רייניקט זיך די לייבער,
און מען קרעכצט אַ ביסל אונטער: אַ מחיה, אוי געשמאַק!...

עס קומען היינט אין שטעטל אַלע וואַנדערער צו פאָרן,
זיי איילן זיך אויף שבת, ניטאָ שוין באַלד קיין צייט.
עס פאָרן אָן די הענדלער מיט האָלץ און מעל און קאָרן,
און די „גייער איבער הייזער", פון נאָענט און פון ווייט.

און האָדעסקע, אַ מידע, מיט פלייציק איינגעבויגן,
פון פאַסטן די תעניתים — די וואָך שוין פינעף טעג —
זי קוקט אוים אויפן פרייטיק אַ גאַנצע וואָך די אויגן,
און צו דעם שטעטלס גבירים עס פירט איר דאָרט דער וועג.

אין ווינט, אין שניי, אין רעגן, אין טונקעלן באַגינען,
מען זעט שוין האָדעס זיצן ביי אַ גביר דאָרט אויף די טרעפּ.
אַ גאַנצע וואָך איין זאַך נאָר ליגט האָדעסן אין זינען:
זיך באַגעגנען פּרייטיק מיט די „גרויסע קעפּ".

זי בעט ניט קיין נדבה, נאָר פאָדערט ווי אַ גבאי,
אַן אָפּצאָל פאַר דעם מסחר, וואָס גאָט אין זיין גענאָד,
האָט צוגעשאַרט די גבירים, וואָס קומען אָן אויף שבת,
צוריק פון האַנדל-וואַנדל, ערגעץ פון אַ שטאָט.

און זעלטן ווען עס וואַגט דאָרט אַ גביר צו גיין פאַרביי איר,
און האָדעסן גאָר פּרוּוון ניט עפענען די טיר —
ס'וואָלט האָדעס' כעס אויף יענעם געווען גאָר אין לשער,
און ווי צו דעם, אין שטעטל, וואָס צינדט אַ כעס אין איר.

און אַזוי פירט זיך האָדעס: ווען עס קומט נאָר אָן דער פרייטיק,
גייט זי צו די גבירים שוין פון אַ לאַנגער צייט,
און פון „מסחר-אָפּצאָל" זי מאַכט אַ קניפּל זייטיק —
פאַר יידן אינעם שטעטל, די ווייסטע אָרעמע-לייט.

8

האָדעס טאַנצט

א חתונה איז היינט אין שטעטל —
שמעקט די לופט מיט יויך און בעז.
היינט טוט גאָט אליין זיך פרייען —
האָדעס טאַנצט שוין א מעת-לעת.

האָדעס טאַנצט — און ס'טאַנצן הימלען;
האָדעס טאַנצט — און ס'טאַנצט די ערד;
עס טאַנצן ברייטע קרינאָלינעס,
עס טאַנצן זשופּיצעס און בערד.

אויסגעפּוצט און אויסגעצוואָגן,
און די פּים זיי זענען גרייט:
יעדער טאַנץ איז פאַר אביונים,
יעדער טאַנץ ער לינדערט נויט.

וואָס זשע שווייגט איר? קומט זשע, יידן!
נאָך א צענער אויפן טיש!
קיינער וועט די יויך פאַרזאַמען!
קיינער — די געפילטע פיש!

אין דער האַנט א ווייסע טיכל,
אויסגעשטרעקט צו גרויס און קליין:
טאַנצט ר' חיים, טאַנצט ר' מיכל,
טאַנצט מיט איר דער רב אליין.

און עס פליען דרייערס, צענערס,
האָדעס האָט קיין כוח מער,
טאַנצט זי, ביז זי פאַלט אַנידער,
אין איר אויג עס לייכט אַ טרער...

אַ חתונה איז היינט אין שטעטל
עס שמעקט די לופט מיט יויך און בעז.
היינט טוט גאָט אַליין זיך פרייען —
האָדעס טאַנצט שוין אַ מעת-לעת.

דאָס דאָרף איז פאַראַן נאָך

אָ, האָדעסקע, טייערע יידישע מאמע,
האָסט ווען אין דיין לויטערער גוטסקייט געטראַכט,
אַז עס קען אַ מאָל קומען אַ טאָג אַזאַ בייזער,
אַ שוואַרצער ווי קויל און פינצטערער ווי נאַכט?

און עס וועלן די קינדער פון שטעטל, דיין שטעטל,
זיך לאָזן אין דאָרף צו די גויִים, ווי דו,
און ניט מיט געזאַנג, נאָר מיט גאַל אין דעם אָטעם
דאָרט זוכן אַ ביסל רחמנות און רו?

און עס וועט דאָרט באַגעגנען אַ הילכיק כאַכאַטשען
פון פלאַקסענע קעפּ זייער שטילן געוויין,
און ניט ווי אַ מאָל, פון אומשולדיקע קינדער,
נאָר פון בייזע, ווי הינט, ווען זיי גריזשען אַ ביין?

אָ, האָדעסקע ליבע, דאָס דאָרף איז פאַראַן נאָך,
די ציגן, די הינט און די פלאַקסענע קעפּ;
ניטאָ מער דאָס שטעטל, די יידישע קינדער,
די שטראַליקע יידן, די געפליגלטע טרעפּ.

און עס רייסט זיך ביי נאַכט פון די קברים צעשטערטע,
צו קופּערנע הימלען פון מאַמעס אַ קול,
און עס כאַפּן אויף ווינטן די שטומע געוויינען,
ווי רחלס געוויין אויפן בראָך פון אַ מאָל.

און עס טראָגן די ווינטן די לויטערע טרערן
צו טירן פאַרהאַקטע, צו פענצטער — פאַרקלעפּט.
אַ, האָדעסקע ליבע, ניטאָ מער דיין שטעטל —
דאָס דאָרף נאַר, די הינט און די פּלאַקסענע קעפּ...

פון אייגן ווינקל

געבענטשט איז דער טאָג

מיין חבר, מיין פריינד, מיין פּעניִן

געבענטשט איז דער טאָג, וואָס איך האָב דיך דערקאַנט —
ס'האָט גאָט דאָן געוואָלט ס'זאָל זיין ליכטיק.
אַ קוואַל האָט געשלאָגן — איך האָב זיך דערמאָנט —
אַ קוואַל אַזוי קלאָר, אַזוי ציכטיק.

ביידע מיר האָבן געטרונקען פון קוואַל,
און טרינקען פון אים נאָך עד היום.
אין הארץ ביי אונדז ביידן עס שפּילט זיך אַ שטראַל,
און ביידע מיר מאַכן „לחיים״:

לחיים צו קינדער — ווי וויל און ווי גוט,
צו אייניקלעך, שיין ווי די שטערן!
עס וואַרעמט דאָס הארץ, און עס וואַרעמט דאָס בלוט,
ווי זיי ליבן, און האָבן אונדז גערן.

אַ גאָלדענעם חלום איך וועב און איך שפּין,
פון טעג און פון יאָרן פאַרגאַנגען,
אַ חלום צעבליט מיט אַ מיין, מיט אַ זין,
ווי בלומען, ווי לידער, ווי זאַנגען.

איצט טראָגן די ווינטן אונדז גרוסן פון „ראַנד״...
ניט זאָרגן, מיין לעבן, ניט זאָרגן —
געוועזן אונדזער נעכטן צעשטראַלט זאַלבענאַנד,
צעשטראַלט וועט אויך זיין אונדזער מאָרגן.

ירושה

קינדער מיינע

אַלץ, וואָס איך וועל איבערלאָזן,
איז אַן אָנדייט און אַ רמז,
פֿון אַ וואַרעמקייט פֿאַר מענטשן,
און אַ ליבשאַפֿט פֿאַרן אמת.

כ׳וועל אַ ליד אויך איבערלאָזן,
און אַ וואָרט אַזאַ, אַ שטילן,
וואָס קען צינדן קאַלטע הערצער,
און קען אויך הייסע בלוטן קילן.

און דאָס ליד וועט גיין אין לשון,
וואָס גערעדט עס האָבן ברידער,
ווען געיובלט האָט דער אָפּגרונט,
ווען געהוליעט האָט די נידער.

און דאָס ליד צו אייך וועט ריידן
פֿון אַ וועלט פֿון בלוט און טרערן,
און דאָס ליד וועט אויך דערציילן,
פֿון אַ וועלט פֿון זון און שטערן.

זאָל דאָס ליד אייך זיין ירושה,
פֿון אַ טאַטן און אַ זיידן:
ניט פֿאַרלירן דעם בטחון,
אויך אין צייט פֿון פּיין און ליידן.

איך וועל אייך אויבעט איבערלאָזן
אַ פּשוט יידישן — מיין נאָמען.
זאָל ער קיין מאָל ניט פאַרפרעמדט זיין,
און ניט פאַרשוועכט זיין קיין מאָל, אמן!

קינדער האַרציקע

די אייניקלעך

קינדער האַרציקע און ליבע,
ווען דורך וויי און פּיין און טרערן,
אין אַ וועלט אַ מאָל אַ טריבע,
איר וועט גרייכן צו די שטערן —

ניט פאַרגעסט דעם נאַר, דעם זיידן,
וואָס, ווי צווייט ביי אַלטע שטיבער,
האָט געשמייכלט אויך אין ליידן,
האָט געיומטובט אויך אין פיבער.

ניט פאַרגעסט דאָס אַלטע פּנים,
אין צערונצלטע געוועבן,
וואָס, צום טראָץ פון אַלע שונאים,
האָט געשפּונען פרייד פון לעבן.

ניט פאַרגעסט די אַלטע אויגן,
וווּ געזאַנג האָט אַבער — ווידער,
מיטן פאַרב פון רעגן-בויגן,
אויפגעברויזט צו אייך אין לידער.

און די באָבעשי די אַלטע,
וואָס וואָלט זי דען ניט געגעבן,
צו זען אייך קינדערלעך, צעשטראַלטע,
אין געזונט, און פול מיט לעבן.

אָ, געדענקען זאָלט אירביידן,
אין צעטריפטע הימלס גנאָדן,
אי דער באָבען, אי דעם זיידן,
ווען שטערן קלאַפּן אָן אין לאָדן.

און דער עיקר — אייביק היטן,
און געדענקען יענע צאַמען:
איר זענט צווייגעלעך און בליטן
פון דעם שטאַם פון אַלע שטאַמען...

פאַר יונג און אַלט

אַ מעשה מיט זיבן זונען

זיבן פעטע זונען,
מיט באַקן רויט ווי צונט,
האָבן קעגן הימל
געמאַכט אַ מאָל אַ בונט.

אוועקגעשטעלט זיך העלדיש,
אַ נעם געטאָן מיט מוט,
באַשלאָסן מער ניט ברענען,
און אוים מיט הייסן בלוט!

נאָר ווי-זשע קילט מען אָפּ זיך,
וואָס דאַרף מען טאָן דערצו?
און אַלע זיבן זונען
האָבן ניט קיין רו.

זיי ברעכן זיך דעם קאָפּ,
אפשר איז פאַראַן
ערגעץ ווו אַ מיטל,
און פאַלן אויף אַ פּלאַן:

עס וועלן אַלע זונען
אַ טונק טאָן זיך אין טייך...
עס וואָלט געווען דאָס מיטל
אפשר טאַקע גלייך.

נאָר ס'איז דער טייך דער ברייטער,
מיט וואַסער קיל און ריין,

מיטן טונק געוואָרן
טרוקן ווי אַביין...

און הייסער איז געוואָרן,
ניט אויסצוהאַלטן פּראַסט.
ווי נעמט מען כאָטש אַ רעגן?
ווי נעמט מען שניי און פּראָסט?

און די זיבן זונען,
פון הימלהויך אַראָפּ,
טראַכטן ווידער-ווידער,
ברעכן זיך דעם קאָפּ:

אפשר גאָר אַוועקגיין
אין געדיכטן וואַלד —
דאָרטן ווינען שאָטנס,
דאָרט איז זיכער קאַלט.

געזאָגט און באַלד געטאָן דאָס,
נאָר ווײ, וואָס פאַר אַ שפּאָט!
ווי נאָר אין וואַלד זיי האָבן
געטאָן דעם ערשטן טראָט,

אַזוי האָט זיך צעפלאַקערט
דער וואַלד פון יעדער זייט,
צעצונדן אַלע ביימער,
אויף גאַנצע מײלן ווייט.

וואָס זשע טוט מען איצטער?
ס׳ווערט היים און הייסער מער.
אויסער וויי און חרפּה,
ווערט אויך דער אָטעם שווער.

בלייבט נאָר זיך באַהאַלטן
אויף אַ בוידעם ווו
אי מ׳קען זיך קילן,
אי דאָרט האָבן רו.

ס׳איז לייכט אַזוי צו זאָגן,
ווייל ווי נאָר אין דער הייך,
זיי האָבן זיך פאַרקליבן,
האָט באַלד אַ שוואַרצער רויך

אַ שלאָג געטאָן פון בוידעם,
און אויך פון גאַנצן הויז,
און ס׳איז די גאַנצע שטאָט
אַוועק אין פלאַם, און — אויס!

עס האָבן דאַן די זונען
געשלאָגן זיך על חטא,
און גלייך צוריק צום הימל
אַוועק מיט אַ געבעט.

איצט יעדע פון די זונען
פאַרשטייט שוין און זי ווייס,
אַז ווען אַ הארץ איז וואַרעם,
און ווען דאָס בלוט איז הייס,

איז דאָס פון גאָט געגעבן,
איז דאָס אַ גרויס געשאַנק,
און מ׳דאַרף זיין נאָמען לויבן
מיט תפילה און געזאַנג.

— — — — — — —

עס הענגען זיבן זונען,
מיט באַקן רויט ווי צונט,
זיי ברענגען גליק און לעבן,
פריידן און געזונט.

אַ מעשה מיט צוויי שאַטנס
וואָס האָבן ליב געהאַט געבראָטנס

שייע און שמייע, צוויי שאַטנס אַ מאָל,
האָבן אונטער צוויי ביימער געלעבט אין אַ טאָל,
איין בוים פון בארן, דער צווייטער פון נים
און אויף סאַמעטן גראָז געקילט זיך די פיס.

האָט שייען און שמייען זיך איין מאָל פאַרבענקט
אַ שטיקל געבראָטנס, די צייט ניט געדענקט,
ווען זיי האָבן אין טאָל דאָרט פאַרזוכט עפּעס רעכטס,
כאָטש עפּעס געפּרעגלטס, כאָטש אַ ביסל געקעכטס,
עס ווערט דאָך, באמת, דאָס לעבן דיר מיאוס
צו קייען נאָר בארן, צו קנאַקן נאָר נים.

און גלייך ווי אין טאָל האָט געשטעלט זיך די נאַכט,
און ס׳האָבן די ביימער די אויגן פאַרמאַכט,
האָבן שייע און שמייע פאַרלאָזן דאָס גראָז.
געזאָגט „גוטע נאַכט” צו אַ הירש און אַ האָז,
און אַוועק צו געפינען ווו ערגעץ אַ טיש
מיט שטיקלעך געבראָטנס, צי אפשר נאָר פיש.

זייער אַפּשטעל דער ערשטער איז געווען אַ האָטעל.
נאָר דאָ האָט אַן אומגליק געטראָפן גאַנץ שנעל:
ס׳האָט עמעץ געטאָן פון אַ קעסל אַ פליוך,
און פאַרגאָסן די שאַטנס פון קאָפּ ביזן שוך.
קוים פּטור געוואָרן פון פאַרע און היץ,
אַרויס ווי פון באָד נאָכן ריכטיקן שוויץ.

אַרוים — און געלאָזן זיך ווייטער אין וועג,
דורך פעלד און דורך לאַנקע אויף גאַס און אויף שטעג,
ביז ענדלעך געקומען צו עפּעס אַ פּלאַץ,
ווי מען זיצט אין „אַ קאַר״ און מען עסט פון אַ טאַץ.
דאָ בלייבן — וואָלט אפשר אַ שכל געווען —
וואָס דאָ פאַלט אַראָפּ — קאָן סטייען פאַר צען!
נאָר גיי קעמף מיט אַ פּודל, וואָס פרעסט ווי אַ כאַם
און מיט קעץ פון גרוים יחוס, צוויי קעץ פון סיאַם..

נו, האָבן זיי ווידער געלאָזן זיך גיין,
געשפּרונגען, געקלעטערט אויף צאַם און אויף שטיין,
און אומעטום האַרצווייטיק גאַר אָן אַ שיעור,
עס עפנט ניט קיינער קיין פריינדלעכע טיר.
ווער שמועסט פון געבראָטנס צו קריגן אומזיסט?
מען טרייבט און מען יאָגט, און מע וואַרפט און מע גיסט...
איז אפשר אַ פּלאַן גאַר צוריק טאַקע גיין?
נאָר דאָס וואָלט געווען שוין אין גאַנצן ניט שיין
פאַר צוויי אַלטע שאָטנס, צו פאַרלירן דעם מוט.
דאָס טאָר ניט געשען אויף קיין האַלבער מינוט!

און שייע און שמייע, כאַטש ביידע שוין מיד,
האָבן ווייטער געשלעפּט די פאַרמאַטערטע טריט.
נאָר פּלוצלונג — ניט אַנדערש אַ כישוף געשען:
עס האָבן פאַרחידושט די שאָטנס דערזען
ווי אונטער די בערגלעך פון מיסט און פון ליים
האָט פליאַכטע — אַ פריינד — דאָרט געמאַכט זיך אַ היים.

און פליאַכטע, אַ בלינדער און שוואַרץ ווי די ערד,
ווי נאָר ער האָט פריינדלעכע פוסטריט דערהערט,

האָט גלייך זיי געלאַדן אין „פּאַלאַץ" אַריין
און געשטעלט פֿאַר זיי כּיבוד פֿון קוכן און ווײַן.
אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט — און ער האָט זיך דערוווּסט
וואָס ס'האָט זיך דעם פֿאָרל אין חלום פֿאַרגלוסט.
אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט — און געשעפֿט איז געמאַכט:
מע בייט זיך מיט היימען אויף איינציקער נאַכט.

— — — — — — — — —

נאָר ווי ס'האָט גענומען שאַרְיען אויף טאָג,
האָבן שייע און שמייע געגעבן אַ יאָג
צוריק צו דעם טאָל און צו שטענדיקער היים,
און יעדער צוריק צו זיין אייגענעם בוים.
נאָר ווײַ, וואָס זיי האָבן אין טאָל דאָרט דערזען:
קיין גראָזן ווי סאַמעט שוין מער ניט געווען,
און אַלץ איז פֿאַרשמירט און פֿאַרבלאָטיקט אַרום,
און פֿליגן און מייז מיט אַ רעש און אַ זשום.
אָט וועלן די ביימער דערוואַכן פֿון שלאָף,
און ס'פֿאָרל וועט כאַפּן אַ ביטערן סוף...
אָבער ווער קאָן זיי העלפֿן? — ס'אַ גליק נאָך און גוט
וואָס ס'האָט אין די צווייגן אַ ווינטל גערוט.
האָבן שייע און שמייע געבעטן דעם ווינט,
און דער ווינט האָט געטאָן זיך אַ הייב — און געשווינד
געבלאָזן, גערייניקט די לופֿט אין דער הייך
פֿון פֿליאַכטעם פֿאַרפֿוילטן, פֿאַרפֿעסטעטן ריח,
און נאָך דעם צעבלאָזן, צעטריקנט דאָס גראָז,
אַ רופֿלאַץ געשאַפֿן פֿאַר הירש און פֿאַר האָז.

און שייען און שמייען געטאָן האָט שוין באַנג
די נאַרישע גלוסטונג — זיי שיר געמאַכט קראַנק.
זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס אומזיסט
באַשטייט נאָר פון שטויב, און פון ליים, און פון מיסט.
און אויב איינעם האָט גאָט אונטער ביימער באַשערט,
צו זיין דאָרט אַ שאָטן — איז דאָס אויך עפּעס ווערט,
נאָר וויכטיק איז אונטן זיין שאָטן דאָרט אויך:
ווייל ניט נאָר דער בוים וואָס קוקט אין דער הייך,
דער בוים גיט דיר באַרן, דער בוים גיט דיר ניס,
און שאָטנס — די רו צו פאַרמאַטערטע פיס.

אַ מעשה מיט אַ פערד וואָס האָט פֿיינט געהאַט יידן

די מעשה שהיה, וואָס איך גיי אייך דערציילן,
איז פֿאָרלאָפֿן אין אַמאָליקן קעניגרייך פּוילן,
און די מעשה איז מיט רשי־כתב־אותיות פֿאַרשריבן
אין אַ פּנקס אַן אַלטן, וואָס דאָרט איז פֿאַרבליבן.

אין הויף, ביי אַ פּריץ, זאַט און צופֿרידן,
האָט געלעבט דאָרט אַ פערד, וואָס האָט פֿיינט געהאַט יידן.
פֿרעגט אים בחרם, פֿאַר ווען און פֿאַר וואָס —
אַזוי האָט געהייסן אים דער בעל הבית.
און פֿלעגט ער דערזען אַ מאָל פּיאות און בערד,
פֿלעגט אונטער די פֿיס אים זיך טרייסלען די ערד.
„סוסיק", דער נאָמען פֿון פערד איז געווען —
דער עלטסטער אין שטאַל און אַ פערדל — אַ ברען.
געהאַט האָט אויך סוסיק אַ חבר — אַ הונט,
טכוירקע, אַ כלב פֿון צוויי הונדערט פֿונט.
דער כלב האָט דאָרט קיין תעניתים געפֿאַסט,
און ער אויך, ווי סוסיק, האָט יידן געהאַסט.
און פֿלעגט זיך אין הויף דאָרט באַווייזן אַ ייד,
פֿלעגט גלייך ביי דעם כלב דאָס בלוט טאָן אַ זיד.

האָט אין הויף דאָרט אַ קליאַטשע געהאַט אַ געבורט —
אַ זונדל, מיט טענות צו דער וועלט אָנגעגורט.
ווייל קוים האָט דער זשרעב אויף די פֿיס זיך געשטעלט,
און שוין דאָרט געוואָלט איבערמאַכן די וועלט:
ריינערע שטאַלן, און ווייניקער מי:
ניט שפּאַנען די פערד אין פֿאַרטאָג אַזוי פֿרי;
מער האָבער אין טאָרבע, מער קלייען און היי;

און ניט נוצן די בייטש, און ניט יאָגן אַזוי...
דאָס אַלץ וואָלט געווען אפשר טאַקע ניט שלעכט,
אויך אַ פערד מעג געניסן פון יושר און רעכט,
דער זשרעביק אין שטאַל אָבער רופט צו אַ בונט,
און ניט נאָר די סוסים, אויך טכוירקען דעם הונט.

אין שטאָט האָט געלעבט דאָרטן חיים דער שמיד,
אַ יוגע כפּים, אַן ערלעכער ייד.
האָט דער פּריץ גערופן אים שוכן די פערד,
ניט געקוקט אויף זיין שנאה צו פּיאות און בערד,
ווייל אָרום און אַרום, אין דעם גאַנצן געביט,
איז חיים געווען דאָרט דער איינציקער שמיד.

דער זשרעביק אין שטאַל האָט דערווייל ניט גערוט —
געררייצט און געהיצט זיינע ברידער ביז בלוט.
געווען שוין, אפילו, אַ כאַפּטע פון פערד,
וואָס וואָלטן פאַר אים דאָרט גיין קייען די ערד,
און גרייט געווען אויך, ווען ער הייסט, אין אַ פאַל,
צו פאַרנעמען, און האַלטן, דעם הויף און דעם שטאַל.
און אַזוי האָט געגרייט זיך אַ בונט אין דער שטיל.
איז דעם פּריץ געוואָרן גאַנץ מיאוס די שפּיל,
און איין מאָל — דער שטאַל איז געשלאָפן געשמאַק —
פאַרוואָרפן אויפן קאָפּ פון דעם פערדל אַ זאַק,
אַ נעם ביי דער גריווע, און שנעל, ניט געטראַכט,
און ערגעץ פאַרשווונדן מיט אים אין דער נאַכט.

עס טומלט, עס ראַשט, און עס קאָכט זיך דער הויף;
די פערד אויף די פיס! אַלע פערד זענען אויף:
דער זשרעביק! דער זשרעביק! אַ ווו איז דער זשרעב?!

און טכוירקע, דערווייל, אין אַ הינטיש געוועב,
האָט פאַרשפּרייט אין דער שטיל, נאָך די זעלביקע נאַכט,
אַ שרעקלעכע מעשה, וואָס ער האָט פאַרטראַכט,
אַז דער שמיד האָט דעם „פריינד פון דער פערדישער וועלט"
געגנבעט, פאַרקויפט פאַר אַ מטמון מיט געלט...
און צו יידן פאַר פלייש... און פאַר „דרייסיק גילדיין"...
און זאָל זיך אין האַלדז ביי אים שטעלן אַ ביין,
אויב דאָס איז ניט אמת, אויב דאָס איז פאַרטראַכט...
און די מעשה געבולן אַ גאַנצענע נאַכט.

איצט איז געוואָרן נאָך וויסטער דער האָס
פון פערד אין די שטאַלן, פון פערד אויף דער גאַס,
ניט נאָר צום אָרעמען חיים דעם שמיד,
נאָר אויכעט צו יעטוועדן איינציקן ייד.
און סוסיק, אין שטאַל, האָט געזען שוין דערצו,
אַז מען זאָל דאָרט אַ יידן ניט געבן קיין רו.
און דער קרבן דער ערשטער געווען איז דער שמיד,
ווייל ווי נאָר, אויף מאָרגן, ער'ט געמאַכט אַ פאַר טריט,
און צו שוכן אַ פערד דאָרט געלאָזן זיך גיין,
איז אים יענער אריין מיט אַ פוס אין די ציין.

מאַכט זיך אַ מעשה, און סוסיק, אין שפּאַן,
בלייבט שטיין ביי אַ פלאַץ, ווו אַ שילד איז פאַראַן,
און אויפן שילד איז געשריבן מיט ווערטער, ווי גלוט:
מיר האָבן דאָ פערדן-פלייש ביליק און גוט...
און אויסגעמאָלט אויך איז געווען אויפן שילד,
פון אַ יונגיטשקן פערד, ווי זשרעביק, דאָס בילד.
און געזען האָט אויך סוסיק, ווי זיין בעל הבית
רייבט דאָרט אַ סעודה, און מאַכט דאָרט אַ כוס.

אויפֿן וועג אויף צוריק האָט זיך סוסיק פֿאַרטראַכט:
ווער ווייס, אפֿשר דאָרט האָט מען זשרעבן געבראַכט,
און ניט חיים דער שמיד, נאָר זיין האָר גאָר אַליין,
וואָס רייבט דאָרט אַ סעודה, און לאָזט זיך וווילגיין...
ס׳האָט אים שפּעטער דערציילט אויך אַן אַלטיטשקער פֿערד,
געשוואָרן, גענאָסן, געקושט אַזש די ערד,
אַז אַ פֿערד, ווען ער דינט ביי אַ ייד, איז אים גוט,
ווייל יעטוועדן שבת ער עסט נאָר און רוט...

האָט סוסיק געטראַכט: אויב אַזוי, איז אומזיסט
זיין שנאה צום ייד, אַזוי ווילד, אַזוי וויסט;
אַז ס׳אַליגן „די מעשה מיט דרייסיק גילדיין״,
אַז אין סוף פֿון דעם זשרעביק איז שולדיק אַליין
זיין שיכורער האַר, וואָס ער זויפֿט נאָר און פֿרעסט,
און לאָזט זיך גאַנץ וווילגיין אין פֿערדן־פֿלייש־נעסט...
און סוסיק האָט גערופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון פֿערד,
צו באַטראַכטן דעם ענין פֿון פּאות און בערד,
און מאַכן, אויב מעגלעך, געוועזן איז זיין פּלאַן,
אַ סוף צו דער שנאה צום יידישן מאַן...

איז געקומען אַן עולם מיט רעש און געשריי:
מען טאָר ניט פֿאַרגעבן דעם ייד אַט אַזוי!
אויב אין טויט פֿון דעם זשרעב איז ניט שולדיק דער שמיד
איז שולדיק געווים דאַן אַן אַנדערער ייד.
האָט סוסיק געענטפֿערט, דערציילט וואָס ער ווייס,
געבעטן, געפֿאָדערט, גערעדט אַזוי הייס.
געוועזן צווישן עולם אויך דאָרטן אַ צאָל,
וואָס האָבן פֿאַר יושר געהויבן דאָס קול.
די אָבער זענען דאָרט ווייניק געווען,

און דער פערדישער עולם האָט דאָרט שוין געזען,
אַז דער פּלאַן, וואָס סוסיק געבראַכט האָט פאַר זיי,
זאָל ווערן צעמאָלן, צעריבן ווי שטרוי.
און אַזוי איז פאַרבליבן דער אייביקער האַס
פון פערד אין די שטאַלן, און פערד אויף דער גאַס,
צו משה דעם שניידער, צו חיים דעם שמיד,
צום שוסטער, צום קרעמער — אַבי נאָר אַ ייד...

— — — — — — — — —

די מעשה שהיה איז פאַרענדיקט אַצינד
מיט אַ נאָכשריפט אין פּנקס, אין קוים לעזבאַרן טינט:
צו טראָגן אַ שנאה צו פאות און בערד,
מוז מען, ניט אַנדערש, ווי זיין נאָר אַ פערד,
און צו האַסן אַ ייד אָט אַזוי, אָן אַ גרונד,
מוז מען, דערצו, זיין געבאָרן אַ הונט.

אַ מעשה מיט אַ פרומער קאַץ
וואָס איז פון על-חטא געוואָרן פעט

אַ מאָל, אין אַ הויז פון אַ יידן,
האָט געלעבט זיך, זאַט און צופרידן,
אַ קאַץ מיטן צונאָמען בלומע.
און געווען איז זי זייער אַ פרומע:
פלעגט שטענדיק זיך וואַשן צום עסן,
און קיין מאָל דאָרט אויך ניט פאַרגעסן
אַ פריער צו מיאַקען אַ ברכה,
און געהאַט אַ גאַנץ גוטע מערכה.

איז געקומען צום יידן אַ טאָטער
און געבראַכט אַ בכבודן קאָטער,
אַ יונג מיט ביינער און בלוטן —
פאַר בלומען אַ שידוך אַ גוטן.

דער חתן, וואָס געהייסן האָט נאָטע,
האָט געקוקט אויף דער וועלט, ווי אויף בלאָטע:
פלעגט שטענדיק, פאַר יעטוועדן ביסן,
זיך דראַפּען, און שפּייען, און ניסן.
האָט בלומע די פרומע באַשלאָסן:
קיין שידוך — זי וויל ניט דעם חתן!

האָט נאָטע געהאַט דאָרט חרטה,
געשוואָרן ביים יידנס קאַפּאָטע,
ער'ט זיין שוין אַ גוטער — אַ פרומער,
אַבי שטעלן אַ חופה דעם זומער.

האָט די כלה גענומען זיך גרייטן.
נאָר, אַנשטאָט צו גיין אין די קלייטן,
און האַוועז, און יאָגן, און לויפן,
דעם חתן אַ מתנה צו קויפן,
זי׳ט בעסער דעם מאַן איבערראַשן
מיט „אַזוינס און אַזעלכעס״ צום נאַשן.
און די כשרע, פאַרכטיקע בלומע,
מיט אויגן פאַרגלאָצטע און פרומע
האָט גערופן אין אַ שפּאַלט צו אַ מייזל:
קום אַרויס פון דיין פינצטערער הייזל:
מיר האָבן אַ מאָלצייט געהאַט דאָ,
געגעסן, געטרונקען צו זאַט דאָ,
און אַ שלל איז איבערגעבליבן,
פאַר דיר, און פאַר נאָך אפשר זיבן.
רוף איך דיך, פריינד מיין, דעריבער,
איך, און מיין חתן דער ליבער,
און מיין הייליקן וואָרט דאָ איך גיב דיר,
מיר האָבן, מיין פריינד, ווי איך ליב דיך!
מיר האָבן נאָר הייסע געפילן,
און אַלץ, וואָס דאָ, איצטער, מיר ווילן,
איז ב ע נ ט ש ן און — ס׳פעלט צו מזומן —
אַ מצווה אַ גרויסע — מוזסט קומען!

— — — — — — — — —

לעקט נאָטע די וואָנצעס געדולדיק.
דער כלה אַ קוש איז ער שולדיק —
אַזוי איז אים בלומע געפעלן.
נאָר, אַנשטאָט אַ חופּה צו שטעלן,
און מיט בלומען דאָרט ווערן פאַרבונדן —
דאָס מייזל אַ כאַפּ, און פאַרשוווּנדן.

האָט בלומע די פרומע באַשלאָסן:
נו מילא, צום שד מיטן חתן!
נאָר אַזוי ווי עס בורטשעט אין בייכל,
ווען זי מאַכן פון פרומקיים אַ מאכל,
און דעם מאכל גלייך פרוּוון פאַרשפּרייטן —
עס וועט העלפן דער וועלטס גרויסע נויטן...

אַזוי האָט פאַרטראַכט אונדזער בלומע:
די וועלט מוז ווערן אַ פרומע
און ניט יענע וועלט, פון איר גלייכן —
פון זיי איז בעסער צו ווייכן.
זי וועט גיין צו די אמתע זינדער —
די גאַטלאָזע מייזישע קינדער,
וואָס ווייסן נאָר פרעסן און זויפן,
אין שייערס, אין שטאַלן און חויפן,
און לעבן אין שפּאַלטן און לעכער,
און האַלטן זיך העכער פון העכער.
ווי זאָגט מען, שוין איין מאָל אַן אומה!
אַזוי האָט געטראַכט אונדזער בלומע:
מען מוז די נשמות זיי רעטן! —
און גענומען דאָס בייכל זיך גלעטן.

אַ צייט איז צו גוט ניט געגאַנגען.
ס׳האָט בלומע, מיט פרומע געזאַנגען,
ביי היילן, ביי לעכער און שפּאַלטן,
דאָרט רעדעס נאָך רעדעס געהאַלטן,
די מייז אָבער ווילן ניט הערן,
געקומען — אַ קוויטש — און ניט ווערן...

איז געווען אין איין „מייזלשן הייזל"
א גלויביק און כשר־פרום מייזל.
און אָט די קליינע בהמה,
וואָס איז נעבעך געווען א יתומה,
(איר טאַטן און מאַמען — זייביידן
האָט בלומע געשיקט אין גן־עדן)
האָט איינגעשטימט בלומען באַגלייטן,
און העלפן איר פרומקייט פאַרשפרייטן.

באַגלייט פון דעם נאַרישן מייזל,
האָט בלומע פון הייזל צו הייזל
איר פרומקייט געוויזט און געטראָגן,
און — נישט מיט קיין ליידיקן מאָגן...

ס'האָט וויט זיך צעקלונגען איר נאָמען,
און געוואָרן איז בלומע ווילקאָמען
אין לעכער נאָך לעכער, אין שפּאַלטן;
און פלעגט זי א רעדע ווי האַלטן,
פלעגט מען פאַרכישופטע הערן,
א מאָל אויך אפילו מיט טרערן.

איז געוואָרן די הייליקע בלומע
אַזוי פעט פון די רייד פון די פרומע,
אַז נאָך יעדן גלאָץ מיט די אויגן,
נים געקענט זיך אפילו איינבויגן.

— — — — — — — — —

די מעשה, וואָס איך טו דאָ דערציילן,
האָט א סוף, נאָר גאָרניט קיין ווילן:
אונדזער בלומע איז געוואָרן אַלץ פעטער,

ביז איין מאָל, אין אַ לאָך אונטער ברעטער,
איז זי, פון איר פרומקייט, געוואָרן
אַזוי אין דער ברייט דאָרט צעפאָרן.
אַז עס נעמט אָן אַ שרעק און אַ ציטער —
זי קען ניט צוריקגיין — ס׳איז ביטער...

אַ טאָג האָט דאָרט בלומע געשריגן,
ביז זי איז געבליבן דאָרט ליגן.
און אַ יונג איז אַ בייזער געקומען,
פון דאָרטן אַרויסגעשלעפּט בלומען,
און מיט אַ בעזעם און שטעקן צוזאַמען,
דעם פלאַץ גענומען אַפּראַמען.

מען דערציילט, אַז זיבן מאָל זיבן
האָט מען ערגעץ געפונען פאַרשריבן:
„אַז איינער ווערט פרום און אַ גוטער,
„אום צו קריגן מער קעז און מער פּוטער,
„קען קומען אַ מאָל אַן עת צרה,
און מע קריגט דאַן צו עסן נאָר קאָרע"...

רוטעלע־רוט

און דאָס איז די מעשה פון רוטעלע־רוט:
אַ שנעק פון דריי יאָר — נאָר אַ פּייער, אַ גלוט!
מיט ראָזאָווע ליפּלעך, אייגעלעך בלוי,
מיט בעקעלעך פריש, ווי די פרישקייט פון טוי.

אַזאַ איז די מעשה פון רוטעלע־רוט:
א מזיק, אַ ברען — ניט עס שטייט, ניט עס רוט.
נאָך איידער די זון האָט באַקרוינט דעם פאַרטאָג —
איז רוטי שוין אויף — און אַ שפרונג, און אַ יאָג.

און ראשית — צוויי ליאַלקעס, אויף שנעל און אויף גיך,
אַריינגעפּאַקט טיף אינעם טאַטנס פאַר שיך.
די צייטונג די פרישע, וואָס וואַרט ביי דער טיר —
אַ כאַפּ און אַ פליק — און צענומען אויף פיר.

צעעפנט דאָס פלעשל פון מאַמעס פּאַרפום,
צעגאָסן אויף זיך און אַרום און אַרום.
מיט ליפּן־פּאָמאַדע, וואָס מאַמע באַנוצט,
האָט רוטי מיט רויטן דאָס צימער באַפּוצט.

דער טאָג איז שוין גרויס, און די שעה איז שוין שפּעט —
און רוט ליגט אַ מידע שוין ווידער אין בעט.
דער טאַטע, די מאַמע — זיי שלאָפן באַרוט —
צי ווייסן זיי נעבעך, וואָס רוטעלע טוט?

נאָר פּלוצלונג — מען עפנט די אויגן — און ווײ!
אַ מאַמעס אַ קוויטש און אַ טאַטנס געשריי.
מע לויפט צו צום בעט, וווּ דאָס טעכטערל ליגט —
אין שטיפעריש־שטילן געלעכטער פאַרוויגט.

אָ, גרויס איז די זינד און נאָך גרעסער די שטראָף:
אַ קוש, און אַ קוש, און אַ קוש — און אַ סוף.

די כוואַליע און דער שטראַל

א שטראַל פון דער זון,
און אַ כוואַליע פון ים,
האָבן זיך איין מאָל באַגעגנט.
זאָגט כוואַליע צום שטראַל,
מיט גיפט און מיט גאַל,
און מיט קאָכיקע שוימען צערעגנט:

כ'בין מיד אין מיין גאַנג,
פון לאַנג שוין, פון לאַנג,
צו טראָגן און טרייבן די שיפן,
און לויפן צום ברעג,
און צוריק, אַן אַן עק,
אין געלעכטער און קינדערשן שטיפן.

כ'בין זיכער, אַז דו,
אַן אַפּשטעל, אַן רו,
ביסט אויך, אין דיין גאַנג, שוין אַ מידער:
דו קומסט אַן פאַר טאָג,
קוים נאַכט אין פאַריאָג,
און מאָרגן מוזסטו קומען שוין ווידער.

און דו האָסט די קראַפט,
וואָס בויט און וואָס שאַפט
פאַר העלישן פייער די שטאָפן;
און איך האָב דעם פּלאַם,

צו הייבן דעם ים,
און פאַרפלייצן אי דרום, אי צפון...

לאָמיר מאַכן אַ בונד
פון הימל און גרונט
קעגן וועלט, וואָס מיר האַסן צוזאַמען,
און מאַכן אַן עק,
פון ים און פון ברעג,
אַז אַלץ זאָל אַוועקגיין אין פלאַמען.

ענטפערט דער שטראַל,
אַן גיפט און אַן גאַל:
מיין אומרו און מידקייט באַצאָלט זיך,
אין פריידיקן שאַל,
פון הויז און פון שטאַל,
און אין קראַנקן, אין מיר, וואָס דערהאַלט זיך.

ס׳וועט גוט מיר אַליין,
ווען איך שטיל איין געוויין,
און וויש אָפּ אין ערגעץ־ווו טרערן;
געוועזן וואָלט ניט שיין,
און זיבער געמיין,
צו זוכן דאָס אַלץ צו צעשטערן.

און דו, זאָגט דער שטראַל,
און ווידער אַן גאַל:
דאַרפסט געבן אַ דאַנק פאַר דיין דאַליע;
אין קאַרמענען אַ וועלט,
אי שטאַל, אי געצעלט,
דו שפּילסט אויך אַ הימלישע ראַליע.

איז גיי בעסער, טראָג
פון שיפן די וואָג,
און וואַש אָפּ און רייניק די ברעגן;
און איך וועל פאַר טאָג,
זיך געבן אַ יאָג,
מיט ליכט און מיט פרייד אויף גאָטס וועגן.

— — — — — — — — —

אַ שטראַל פון דער זון,
און אַ כוואַליע פון ים
האָבן אַ מאָל זיך באַגעגנט,
און מיט לויטערער פרייד,
זיך שפּעטער צעשיידט,
און פריינדלעך זיך ביידע געזעגנט.

נאָטע דער קאָטער און יענטע די מויז

קלאַפּט נאָטע דער קאָטער צו יענטע די מויז:
— כ'האָב פּוטער און קעז דאָ פאַר דיר, קום אַרויס.
ענטפערט אים יענטע: — איך גלויב ניט אַ וואָרט!
אַט כאַפּ איך, אַט לויף איך! — איך בלייב אויף מיין אָרט.

קלאַפּט נאָטע: — קום זע, ס'אַראַ ליכטיקע גאַס,
ביי דיר איז דאָך ענג דאָרט, און פינצטער, און נאַס.
ענטפערט אים יענטע: — וואָס אַרט דיך פאַר מיר? —
און שפּאַרט־צו אַ ביסעלע שטאַרקער די טיר.

און נאָטע קלאַפּט ווידער און איצט מיט געוויין:
— אָ, קום, מיר איז אומעטיק זיין דאָ אַליין.
ענטפערט אים יענטע: — נו, טוט עס מיר באַנג!
ביסט „נאָטע דער קאָטער", איך קען דיך פון לאַנג.

קלאַפּט ווידער דער קאָטער אין יענטעלעס טיר:
— כ'האָב טייערע שפּילצייג, און אַלץ איז פאַר דיר!
— ווער דאַרף זיי — זאָגט יענטע — גיי בעסער אַוועק,
און הער אויף צו קלאַפּן, זאָל נעמען אַן עק.

נאָר נאָטע קלאַפּט ווידער, ער לאָזט גאָרניט אָפּ:
— איך האָב דאָ אַ שפּיגל צו שפּיגלען דיין קאָפּ,
אַ קעפּל אַ ליכטיקס, וואָס שיינט ווי די זון,
און דו אַליין, יענטעלע, ווייסט ניט דערפון.

און די אייגעלעך דיינע, אָ, ליבינקע דו,
זיי פינקלען און ציען, און גיבן קיין רו.
דיין נעזל געטאָקט, דיינע ליפּעלעך צאַרט.
נו קום-זשע, מיין ליבע, דו זעסט דאָך: איך וואַרט.

— דו מיינסט מיט אַן אמת? — זאָגט יענטע צעגליט —
בין איך אַזוי שיין? — און דאָס בלוט אין איר זידט.
— דו ביסט אַ פּרינצעסין, נאָך שענער ווי שיין! —
זאָגט נאָטע צו יענטען — אָט קום, זע אַליין!

פּאַמעלעך האָט יענטע געעפנט די טיר.
ווער שפּיגל? וואָס שפּיגל — אַז ווייי איז צו איר!
צוריק האָט זי אָבער שוין גיין נישט געקענט...
ס'האָט נאָטע מיט גרויסע, מיט קאָטערשע הענט

אַ כאַפּ געטאָן יענטען... וואָס ווייטער געווען?
צי דאַרף מען דערציילן וואָס דאָרט איז געשען?
דער סוף איז פאַרפלעקט פון אַ זודיקער טרער,
און ס'ווערט אויפן האַרץ אַזוי שווער, אַזוי שווער...

אינהאַלט:

אין גערויש פון ווינט

* (מיט פליגל אין טריט) 7
אַ יידישער דיכטער 11
עס לעבט נאָך אין מיין האַרץ
דאָס ערשטע ליד 12
כ׳האָב געירשנט 13
מיין וועלט 14
מיינע טירן זענען אָפן 16
* (די שענסטע זאַך אין לעבן) . . . 17
בענקשאַפט 18
פאַראַנגען אויגן 20
ליבשאַפט 21
* (צוויי שליאַכן) 22
די שפינערס 23
לעבן 24
בערג 25
דער דיכטער 26

געזאַנג פון די שטערן

אַן אָדע צו גאָט 29
לאָמיר ברידער זינגען 30
כ׳האָב ליב אין פאַרנאַכטן 31
כ׳טראָג דעם יום־טוב 32
חשבון 33
אין אַ ווייסער נאַכט 34

זון אין די אויגן

אין בלויען באַגינען 37
אין אייביקן וונדער 38
אין גוטע שעהען 39
אַלע זונען שמייכלען 40
איך וויל 41
אין מיין בוך ליגט אַ בלום 42

אין ציטער פון סטרונעס

עפּעס געדענקט זיך 45
די חערבעס 46
ווידער 47
דאָס ליד אין מיין האַרץ 48
נאַכטיקע טרערן 49
גאָטס וועגן 50
אַ מאָל אַזוי ווייט 51
טאָפּאָליעס 52

געזאַנג פון בטחון

ווי אַ פאַקל 55
איך ווייס 56
נעם ניט צו דעם בטחון פון מיר 57
ווי גוט איז צו גלויבן 58
איך וועל חאַרטן 59
ס׳האָט זיך גאָט צו מיר באַוויזן 60
איך וועל שפּרייטן מיינע פליגל 61
לאָז ניט קראַכן דיינע הימלען 62
ניט שטענדיק 63
ווי דער שטראַלן-בליאַסק 64
ס׳גייט אויף אין מיין האַרץ אַ געזאַנג . . 65
קום צוריק 66
בענקענדיקע שויבן 67
כ׳וויל זינגען אָן אָדע 68
העלף מיר, גאָט 69
מאָרגן 70
נעם אַראָפּ פון די וועגן די שטיינער . . 71
גיי איך פאַרביי 72
כ׳וועל קלאַפּן אין טירן 73
כ׳טראָג דעם טרויער פון מיין שכן . . . 74
כ׳האָב געפונען 75
אַלע מענטשן זענען גוט 76
ווויל איז צו אים 77
עס האָבן קיין צאָמען די שטערן 78
לייגט זיך אויס אַ ליבער שמייכל . . . 79

אין רעגן-בויגן

אין געפאַנג 83
אין כישוף פון ליד 84
קלאַפּט אין מיין פענצטער דער רעגן . . . 85

די חאַס חיינען אויפן קול 86
איך וויל ניט פאַרוואַנדלען 87
אַ תפילה 88
חי גוט איז 89
צי וויל איך דען נאַר 90
* (קום און צעטראַג זיך) 91
* (אַ, גאָט) 92
פאַרגיב מיר 93
אין דער נידער 94
איך וואַנדער און זוך דיך 96
געהאַט האָב איך פריינד 97
קומט די רו אַ מאָל צו פליען 98
ווי טויבן אין שלאַק 99
אויב עס קען ניט 100
מיין וואָרט 101

צייט און רוים

פאַר טאָג 105
באַגינען 106
קלאַפט דער פרילינג אָן אין האַרצן . . 107
דער זומער איז געקומען 108
האַרבסט 109
פרימאָרגן אין האַרבסט 111
אַ שנייעלע 112
אין שפעטיקער נאַכט 113

איינזאַמע שעהען

אין וואַנדער 117
חען די פרייד וויינט 118
איינזאַמע שעהען 119
ווען עס פאַלן די בלעטער 120
אומעטיק 121
געוועזן 122
מיין פאַרלאָרענער טרוים 123
שטעל אָפּ די ערד 124
אומרו 125
מיין פענצטער איז אָפן 126
ווי דער פויגל 127
אין אַ בייזער שעה 128
אין מידע טעג 129
עס רייסט זיך פאַרלאָרן 130

איך מיין פענצטער קלאַפּט אַ טויב . . 131
איצט װעל איך זינגען פון מיין אומעט . 132
איך זע די טעג פאַרשװונדענע . . . 133
ניטאָ מער 134
װען דיין שטערן פאַרשװינדט . . . 135
פּאַלן בליטן 136
דער לוח 137

מיט זשאַר אין די אויגן

איך װיל היינט זאָגן קדיש 141
איך דערמאָן זיך 142
כ'האָב געפּרוּװט 144
איך זינג ניט פון פריידן 145
קען זיין 146
כ'האָב געזען אייך 147
איך װיל אַז מיין ליד 148
און אַז די װעגן זענען קרומע . . . 149
עפן דאָס טויער 150
אויגן פון בליי 151
ס'האָט געשנייט און געשנייט . . . 152
אַ פליגעלע 153
איך הער אַ קול 154
הינטער שװערע טירן 155
װו זענען די פייגל פאַרפלויגן . . . 156
אין דיין נאָמען 157

באַלאַדן, פּאָעמעס און פאָלקסמאָטיװן

באַלאַדע פון אַלטן בוים 161
קומט אַ פויגל פון מרחקים 164
ביי דעם ברעג פון דיװאַ-דוימען . . . 167
די באַלאַדע פון דעם מידן העקער . . 171
העקער, נעם אָן מיין געבעט 173
שטיינער 174
הענט 177
דער קראַנקער בוים 178
פיר בעטלערס 179
זיין 180
איך שעם זיך 182
גיב מיר די ליבשאַפט 184
װער װעט מיר בויען מיין היים . . . 185
זינגען פייגעלעך צוזאַמען 186

שפּיל איך אַ ליד אויף דער פלייט 187
איך וואָלט וועלן זיין אַ טויב 188
יום־טוב 190

האָדעסקע

1. אַ יידישע מאַמע 193
2. הכנסת כלה 194
3. האָדעס פאַסט 196
4. דער יאַריד 198
5. זונטיק 200
6. האָדעס גייט מיט אַ טענה צום רב . . 202
7. פרייטיק 204
8. האָדעס טאַנצט 206
9. דאָס דאָרף איז פאַראַן נאָך 208

פון אייגן ווינקל

געבענטשט איז דער טאָג 213
ירושה 214
קינדער האַרציקע 216

פאַר יונג און אַלט

אַ מעשה מיט זיבן זונען 221
אַ מעשה מיט צוויי שאַטנס,
וואָס האָבן ליב געהאַט געבראָטנס . . . 225
אַ מעשה מיט אַ פערד
וואָס האָט פיינט געהאַט יידן 229
אַ מעשה מיט אַ פרומער קאַץ
וואָס איז פון על חטא געוואָרן פעט . . 234
רוטעלע־רוט 239
די כוואַליע און דער שטראַל 241
נאָטע דער קאָטער און יענטע די מויז . . 244

פון זעלבן מחבר

אָפּענע פּענצטער (לידער)

פאַרלאַג י.ל. פּרץ, תל־אביב, 1960